Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

זשעלעכאווער בולעטין

דריטער יאָרגאנג נומער 10 שיקאגאָ אָקטאָבער תשרי, תשי״ב



9 יאָר יידישער אומקום אין זשעלעכאָוו
1942–1951

אונזער טרויער.

"אויב א ײד איז אומגעבראכט געװאָרן בלויז דערפאר װאָס ער איז א ײד, און װען ער זאָל ניט האָבן געװען קײן ײד װאָלט ער געבליבן לעבן, מײנט עס, אז ער איז אומגעקומען על קידוש השם".
(רמבם : אגרת תימן.)

װידער טרויערן מיר און רײסן קריעה אָף אונזער גרויסן אײביקן בראָך. װידער א יאָר פארבײ און די װעלט װערט פון טאָג צו טאָג ערגער און ברוטאלער און עס זעען זיך ניט אפילו קײן קלײנע סמנים פון מענטשלאכער אויסלײטערונג, עפעס א שאָטן פון אן אויפגײענדן מאָרגן, אן אויסגעחלומטן, אויסגעטרוימטן.

לאָמיר טײערע ברידער און שװעסטער זיצן שבעה און זיך פײניקן מיט א מיליאָנטל פײן פון יענע קדושים, װאָס זײנען אָף א ברוטאלן אופן אומגעקומען בלויז דערפאר װײל זײ זײנען געװען ײדן.

אויך אנדערע פעלקער האָבן געליטן, פאָליאקן, רוסן, רומענער, האָלענדער און פראנצויזן, אָבער װאָסאר פארגלײך, געניראציעס אָנגעזאמלטע חיהשקײט און בעסטיאלישקײט האָט זיך צעװאויעט און צעהוליעט א שדים טאנץ אָף מיליאָנען אונזערע ברידער און שװעסטער. דער מענטשלאכער מארך מיט אלע זײנע געניאלע איבערמענטשלאכע באנדיטישע אײנפאלן האָט געבראכט טאָג אײן טאָג אויס מאטערנישן, אגאָניע און מאָרד, מאָרד־לאנגזאמער, ברוטאלער, אויסגערעכנטער, אז דער מענטשלאכער קערפער זאָל ניט שטארבן מיטאמאָל, נאָר מיט טויזנטער טויטן, גלידערװײז, אײנציגװײז, כדי די פײן אגאָניע זאָל זײן שטארקער.

װער, מײנע ליבע הארציקע פרײנט, האָט אזא גבורה דורכצוגײן יענע גהינם קעלערן, װאו אונזערע, בלוט פון אונזער בלוט, מארך פון אונזער מארך, האָבן דורכגעמאכט ביז דער טויט האָט זײ באפרײטן?

אָט לײענט קורסקים באשרײבונג, װאו ײדן װערן דערשטיקט אין װאגאָנעס מיט קאלך, פשוט דערשטיקט, א פראָצעס פון 24 שעה...

אזוי האָט באפוילן דער גרעסטער מערדער אין דער װעלט געשיכטע, היטלער, אז די ײדן זאָלן ניט אזוי שנעל "באפרײט" װערן... נאָר לאנגזאם, בהדרתדיק, גלידערװײז שטארבן מיט פיל טויטן.

װאָלטן מיר געקאָנט כאָטש געבן א טעם פון דעם צו די יעניקע רעגירער פון דער װעלט, צו יעניקע װאָס קאָנען שוין הײנט מיט א רואיקן געװיסן זיך חנדלען און באפרײען יענע, נעכטיקע און מאָרגנדיקע מערדער... װאָלט אונזער געפיל פון נקמה זיך כאָטש אָף א ביסל אײנגעשטילט.

װי אומלאָגיש, דאָך אזוי נאטירלאך פאר אונזער פארצװײפלטן, פארפײניקטן דור... נײן, פון אונז װעלן די הײנטיקע מאָרגנדיקע באנדיטן קײן רחמנות ניט קריגן. מיר קאָנען דאָס ניט, אפילו װען מיר זאָלן דאָס װעלן.

לאָמיר זיך, דעריבער, אין דעם טאָג פון פײן און אומקום פון אונזערע טײערסטע און נאָנטסטע, אינם טאָג פון דעם גרעסטן חורבן אין דער ײדישער געשיכטע – רײסן קריעה און אײנהילן זיך אין אומפארגעסלאכן טרויער אָף אונזער אײביקן בראָך.

און װען מיר טוליען צו אונזערע קינדערלעך, אונזערע משהלעך, שלמהלעך און שרהלעך – לאָמיר געדענקען, אז אזעלכע קינדערלאך, טײערע

ײדישע, קעפעלאך און אײנגעלאך, אונזער צוקונפטיקער דור, העכער א מיליאָן און אהאלב - האָבן די נאצישע באנדיטן אומגעבראכט אָף א ברוטאלן אופן. און נאָר דאן װעלן מיר ניט פארגעסן און װעלן צוליב גראָבע ברוטאל-געלט-אױסגערעכנטע מאָטיװן, שױן װעלן פארגעבן, נעכטיקע, הײנטיקע און מאָרגנדיקע פארברעכער און מערדער, און מיר װעלן שטענדיק טראָגן א האס און א קללה אָף דעם עמלקים פאָלק מיט זײערע ארױסהעלפער פון אלע טײלן פון דער װעלט.

פון אונז איבערבלײבן פון יענע קדושים בלוט און מארך פון אונז, װעלן די פאָליטיקער פון אלע מינים--. ניט געפונען קײן סימפאַטיע און מיטהילף פאר זײערע מעשים.

בײם אָפענעם קבר פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע קדושים בײם טױט פון אונזערע נאָנסטע און טײערסטע לאָמיר שװערן ניט צו פארגעסן די יעניקע װאָס זײנען געבליבן לעבן און נױטיקן זיך אין אונזער חברישע ברידערלאכע הילף. ניט קײן צדקה, נאָר טאָן אונזער רײן עלעמענטארן מענטשלאכן חוב.

געבן הילפן, אז עס זאָל אונז װי טאָן- איז דער בעסטער אופן צו פארײביקן און שטעלן א דענקמאָל אונזערע נאָנסטע װאָס זײנען אין די פײער פלאמען פארצערט געװאָרן.

לאָמיר דאָס טײערע פרײנט, געדענקן אין הײנטיקן טאָג פון טרױער, פײן און אומקום.

דער הײנטיקער נומער בולעטין, איז
געװידמעט דעם הײליקן אָנדענקן פון אונזערע
קדושים ברוטאל דערמאָרדעט דורך די נאצים,
און באזונדערס דעם אָנדענקן פון אונזער
קדוש דעם צארטן טאלאנטפולן דיכטער, יחיאל
לערער.

דער לעצטער גרוס

חיה עלבוים-דורמבוים   **פון ציקל: זכרונות**

תל-אביב

איך קום נישט שרײבן װעגן יחיאל לערערס שאפונגען, װעגן זײן לעבנס-װעג, װעגן זײנע שטרעבונגען, קאמפן, שװאכקײטן און דערהױבנקײט, װעגן װאָס איך װיל שרײבן איז: א פאָר בילדלעך פון די לעצטע צײט פון זײן לעבן, ליגן אין װינקל פון מײן זכרון, נישט פארשטױבטע און מיט די צארטסטע זאָרגפעליקײט, אָבגעהיטענע פון פארניכטונג.

װארשע 1941. איבערפולטע גאסן מיט ײדן, ריקשעס װעגלעך, בעטלנדיקע קינדער פארקױפערס הענדלער, קאליקעס, גאסן-זינגער, ײדישע פאָליצײ מאַײלט זיך מלױפּט מװײסט אלײן נישט װאוהין.

בײ א בערגל ביכער אין א קינדער-װעגעלע, נעבן א האלב פארחלשטן פארקױפער, שטײט זיך רואיק יחיאל און קוקט ארײן אין א בוך. דער קאפעלוש פארוקט אין א זײט די שטארק אָבגעטראָגענע מארינארקע, הענגט א געפאלדעטע איבער די הױזן, װאָס געדענקן נאָך די פארגאנגענע בעסערע צײטן.

איך מיט מיין מאן דערנענטערן זיך. מיר בלייבן שטיין, אָבער יחיאל א פארחלומטער, אויסגעבליכטער, שוין לאנגע טעג א נישט ראזירטער קוקט אריין אינם ביכל און זעט אונז נישט. איך גיב אים שטיפעריש א הייב אויף די גאָמבע און גיב דערצו א פרייליכן לאך ארויס. ער ווערט אביסל רויט, אויפן ערנסטן פנים באווייזט זיך א ברייטע פרייד, ער מאכט שנעל צו דאָס בוך און רופט אויס: וואָס מאכסטו חיהטשע האָ? איך מאך מיר פון אלעם גארנישט- ענטפער איך אים, און דיך, פארוואָס זעט מען דיך נישט ביי אונז, ברוינער בער? זאָג דעם אמת!

ער האָט רואיק צוזאמענגעלייגט דאָס געלייענטע ביכל צו די 2 שוין פון פריער אויסגעקליבענע, געזוכט עפעס אין אלע קעשענעס, אויפגעמאכט דאָס בייטעלע, ארויסגעצויגן אן איינזאמען צוקנייטשטן באנקנאָט און דערלאנגט דעם אויף דער ערד זיצנדיקן, מיט קרעץ באדעקטן פארקויפער, ווארטנדיק אויף א רעשט פון געלט.

האָבן מיר ווידער אָנגעפאנגען דעם איבערגעריסענעם געשפרעך. אויף מיין פראגע האָט ער נישט געענטפערט, ער האָט א רייב געטאָן איין האנט אין דער צווייטע, ווי עס וואָלט אים קאלט געווען און באלד דערנאָך מיר געגעבן א קלאפ אין אקסל און א זאָג געטאָן, ווייזנדיק אויף א פויערטע וואָס איז גראדע דורכגעגאנגען: איך בין זי מקנא, חיהטשע, פונקט ווי א געוויינליך שעפסל איז מקנא א קאראקול, וועלכן מ'צערטלט, מ'גלעט און מ'היט אָפּ, אז די הערליך אויפן פעלכל זאָלן זיך דרייען און גלאנצן און כאָטש ביידע האָבן דעם זעלבן סוף, אָבער דער קאראקול פילט זיך נישט אזוי הפקר ווי דאָס געוויינליכע שעפסל, עט! -נישט וויכטיק -האָט ער אינמיטן זאץ איבערגעריסן.

באקומנדיק פון גאסן-הענדלער א רעשט, האָט ער דעם קאפעלוש נאָך מער ארויפגערוקט אויפן שטערן און אזוי א פארקלערטער א צייט מיט אונז געגאנגען און געשוויגן. יחיאל! האָב איך איבערגעריסן דאָס שווייגן, פארוואָס זעט מען דיך לעצטנס אזוי זעלטן? וואָס איז די סיבה, האָסט מיך אָנגערופן ברוינער בער, נישט אמת? -האָט ער מיט א מילדן טרויעריקן שמייכל געצויגן - און איך מיין, אז איך בין טאקע א בער אין זיין ווינטער שלאָף, איך זויג מיינע אייגענע נשמה-לאפעס און קריך נאָר ארויס פון דער נאָרע, נאָך א שטיקל ברויט און נאָך דעם-האָט ער אָנגעוויזן אויף די ביכער.

איך האָב זייטיק אָבסערווירט זיין פנים. ער האָט אויסגעזען ווי א אָנגעזאפטער מיטן גאנצן טרויער פון אלע יידן אין די געטאָס, ווי א סימבאָל פון אויסערליכע אָנמאכט און אומבאהאָלפנקייט. מיט אראָבגעלאָזטע אקסלען איז ער ווי א שאָטן געגאנגען לעבן אונז און אזוי זיינען מיר דערגאנגען ביז אונזער היים.

אין שטוב האָט זיך מיין מוטער מיט אים זייער דערפרייט, פראגן און ענטפערס זיינען געפאלן אָן א סוף. מיין קליין טעכטערל איז געזעסן ביי אים אויף די קני, ער האָט איר דערציילט אז אויך ער האָט א מיידעלע ער האָט זיך מיט די קליינע געשפילט און זי געצערטלט און מינוטנווייז צוגעמאכט די בלויע אויגן מיט די לייכט אָנגעשוואָלענע ראָזע ווייעס

מיר האָבן צוזאמען געגעסן אָוונט-ברויט, ביים טרינקען טיי/ געמאכט פון אביסל צוגעברוינטן צוקער/ האָט זיך דערהערט א קלינג ביי דער טיר. א קלינג האָט אין געטאָ שטענדיק ארויסגערופן א ציטער. מיר ווערן אומרואיק יחיאל זיצט שטייף א איראָנישער שמייכל בלאָנדזעט אָף זיינע דינע צוזאמענגעצויגענע ליפן, ער איז גענצליך רואיק און שפילט זיך ווייטער מיטן קינד. מיין מוטער מאכט אויף די טיר, עס קומען אריין

מײנע שכנים, א פאָרפאָלק און זײערס א קרוב, פון דײטשלאנד ארויסגעטריבן פון דײטשלאנד, א געװעזענער לײפציקער טעקסטיל־פאבריקאנט.

נאָכן שליסן באקאנטשאפט טרינקן מיר טײ און ס׳ענטװיקלט זיך א פּאָליטישער געשפרעך, מײן מאן דערצײלט עפעס פון די לעצטע נײעסן װעלכע ער האָט געלײענט אין די אומלעגאלע אונטערגרונט־בולעטינען, אונזער שכן שטעלט דערבײ פעסט, אז העכסטנס נאָך א יאָר און דײטשלאנד װעט װערן אויסגעגלײכט מיט דער ערד.

דער דײטשער ייד ״דער יעקע״ א פריש ראזירטער אין א רײן שטײף אויסגעפרעסט העמד, װאָס קוקט ארויס פון אונטער די גראָע פרישע מארינארקע, גיט א גלעט די װי צוגעפרעסטע גלאנציקע האָר װאָס פארדעקן דעם פליך, מיט די פון די רעכטע אויף לינקע זײט געבאָרגטע האָר, זײן דארע נאָז צעטײלט די, מיט קישעלעך אונטערגעבעטע הײסע טעמפע אויגן, דאָס גאנצע פנים האָט אין זיך עפעס פון א זעלנער. פלוצלינג װערט דאָס פנים רויט און די רויטקײט צעגיסט זיך ביז איבערן קארק און מיר דערהערן זײן שטארקע דײטשע שטימע:

״נײן! דויטשלאנד מוס זיעגן! היטלער מיט זײן באנדע װירד קאפוט גײן, אָבער דויטשלאנד, מײן דויטשלאנד גײט ניכט קאפוט און װירד אלע באזיעגן!״

א שטילקײט פון א רגע, אזא טיפע שטילקײט, װי יעדער האָט געהערט דאָס קלאפן פון אײגן הארץ, האָט געגעבן א כאפ ארום די שטוב. באלד האָבן מיר פארשטאנען װאָס דער יעקע מײנט.

מיר זײנען אלע פלוצלינג אויפגעשפרונגען און אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען יחיאלס פנים: די אויגן האָבן אויסגעשטראלט בליצן װי שטיקער רויט פײער, ער האָט שנעל געאָטעמט, אײן שפרונג און אָט איז ער בײם יידיש־דײטשן פאטריאָט, װי אַן אונטערערדישער דינער, אײדער עס ברויזט ארויס א װאולקאן, האָבן זיך פון זײן פארקלעמט מויל ארויסבאקומען אָבגעריסענע װערטער: דו דײטשער אונטערמענטשן דו װעלכן מ׳שלאָגט מ׳טרעט און מען באשפײט און דו פילסט עס נישט אפשר װעסטו דערפילן יעצט, און זאָגנדיק דאָס לעצטע װאָרט, האָט אים יחיאל א פײערדיקן שפײ געגעבן גלײך אין פנים

דער יעקע האָט ארויסגעכאפט א קלאָר טאשנטוך און בשעת ער האָט געװישט דאָס פנים איז יחיאל א טויט־בלאסער נישט ארויסזאָגנדיק קײן װאָרט, ארויס אין גאס. איך בין אים נאָכגעלאָפן, מיר זײנען אזוי געלאָפן א שפאָר שטיקל װעג, ער פאָראויס – איך נאָך אים, ביז מיר האָבן זיך אויסגעגלײכט מיט די טריט.

איבער יחיאלס פנים האָבן זיך געגאָסן טרערן, ער איז געלאָפן װײטער, איך בין געבליבן שטײן און נישט געקאָנט א טריט װײטער שטעלן. אן אומגעהויערער רעספעקט געפיל האָט מיך װי פארשטײנערט. א רעספעקט געפיל פאר די גרויסקײט פון א פילנד מענטשליך הארץ, פאר די זעלבסט־װירדע און דערהויבנקײט פון א ייד אין א תקופה פון דער גרעסטער פיזישער דערנידריקונג.

װען איך האָב אויפגעהויבן די אויגן איז יחיאל געװען שוין װײט אװעק, עס איז אים װײזט אויס אײליק געװען, װאָס שנעלער זיך צו געפינען בײ זיך אין די ״נאָרע״

אזא אויפגערעגטן האָב איך אים געזען דאָס צװײטע מאָל אין אונזער לאנגיאָריקע באקאנטשאפט, איך האָב אים געקאָנט אלס שעמעװדיקן, שטילן, ער איז געװען װי א שומזשעדיק װאלד װאסערל אין מענטשליכן געשטאלט, איך פלעג זען זײנע פארנעפלטע, טרוימעריקע טעג, זײנע

עקשנותדיקע שלאָפלאָזע נעכט, אין װעלכע ער האָט געפירט א העפטיקן קאמף װעגן א װאָרט, װעגן אן אויסדרוק, איך פלעג אים זעען א דערשעפטן, װען ער האָט ארויסגעריסן װערטער פון די טיפע פינס־טערנישן, װי א קוילן גרעבער רײסט ארויס שטיקער שװארץ גאָלד פון די ערד אײנערן. ער האָט געלעבט אין א װעלט פון קלאנגען, אין באַרירונג מיט קערנער פון אָבגעשײלטע װערטער, װײט, װײט פון טאָג טעגליכן פארמיסטיגטן יריד. אָבער יעצט? . . .

דאָס לעצטע מאָל האָט מײן מאן געטראָפן יחיאלן אין די ערשטע טעג סעפטעמבער 1942, סאיז געװען א זונטאָג אינדערפרי, 6 טעג פאר ראש השנה, סאיז געװען דער ערשטער טאָג פון סליחות, און אפשר אײנער פון די לעצטע טעג פון יחיאלס לעבן.

דעם דערמאָנטן זונטאָג, האָט געזאָלט זײן די גרויסע סעלעקציע אויפן פלאץ פאריסאָװסקי, און נאָר א קלײנע צאָל ארבעטנדע ײדן, האָבן געהאט א האָפנונג צו בלײבן בײם לעבן.

ײדן זײנען געלאָפן װי פארסמטע מײז געזוכט לעכער װי אויך די קלענסטע מעגליכקײט ארויסצובאקומען זיך פון געטאָ אויף דער ארישע זײט. מהאָט געזאָגט אז דורך די עװאנגעלישע קירכע אויף טלאָמאצקע קאָן מען זיך ארויסבאקומען פון געטאָ, מדארף דורכקריכן דעם היכל פארקאן, װאָס האָט אָבגעטײלט די אריער פון די ײדן, און אויב אריבער־טאנצנדיק אויף דער אויסגעלײזטער זײט, אוספעיעט מען זיך אויסצו־מישן מיט די גוים אויפן קירכע הויף־ איז מען "געראטעװעט".

לויפנדיק צום פארקאן, האָט מײן מאן באגעגנט יחיאלן, לויט װי איך האָב געהערט, האָט יחיאל אויסגעזעען זײער צוטראָגן, די אויגן זײנען בײ אים געװען אזוי גרויס און דאָס פנים אזוי קלײן און אײנגעשרומפן, אז מער װי אויגן האָט מען בײ אים נישט געזעען "זײנע אויגן װעל איך קײנמאָל נישט פארגעסן" ־ האָט מיר שטיל פארזיכערט מײן מאן.

דאָס ערשטע װאָס יחיאל האָט געפרעגט באגעגנדיק אים איז געװען: װאו איז חיהטשע? און װען ער האָט דערהערט אז איך בין שוין אויף דער ארישע זײט, האָט ער טיף אָבגעאָטעמט. פלוצלינג האָבן זיך דער־הערט שאָסן פון "יענער זײט" און געהײמע פאָליצײ האָבן זיך באװיזן אויף דער גאס.

אנטלויפט!ן־האָט װער אויסגעשריען. יחיאל מיט מײן מאן זײנען ארײן אין א חורבה, װען סאיז אינדרויסן שטיל געװאָרן, האָט יחיאל דערלאנגט מײן מאן די האנד צום געזעגנען און שטיל אויסגעשעפטשעט "איך בלײב דאָ־צװישן אונזעריקע, דאָ איז מײן אָרט, גרוס חיהטשן".

װען מײן מאן האָט אים געפרוװט באאײנפלוסן, אז זײ זאָלן דאָך צוזאמען ארויס פון געטאָ, האָט יחיאל ענטשלאָסן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפ אויף נײן און איז פאָרשװאונדן.

אין 6 טעג שפעטער, האָט מיר מײן מאן איבערגעגעבן דעם גרוס פון יחיאלן.

• •
•

יענער גרוס, װי א ספעציעל געשטאלט װי א צוזאמענמיש פון געדאנקען, געפילן, געקרוינט פון א מענטשליכן כאראקטער, װאָס איז דורכגעגאנגען אלע שטופן פון לײדן, פײן און גאָרנישט פאָרלוירן פון

זײן זעלבסטװירדע יענער גרוס באװײזט זיך מיר אָפט אין זײן גאנצן צױבער אין גאנצן פראכט װי אַן אױסדערװײלטער שטערן פון גראָען הימל, און כאָטש ער װעט װי אלעס ערדישע פארשװאונדן, אָבער דערװײל בלײבט ער מעכטיק דערמיט װאָס ער באלױכט און באװײזט פאר מענטשליכע נשמות, א שטיקעלע הימל.

״אקציע״ איבער ״פרעמדע״ אין אָקשע

ל. פערל, פון אָקשע

הײנט אין ישראל

געשעען איז דאָס דעם 12טן אָקטאָבער 1942 גלײך נאָך די זשעלעכאָװער ״װישעדליעניע״ עס איז דאמאָלס אױסגעקומען גלײך נאָך סיכות אזײגער 5 פארטאָג, האָט מען גאנץ אָקשע ארומגערינגלט, עס זײנען זיך צוזאמענגעקומען די ״גראנאט״ - פאָליצײ פון דעמבלין, לוקאָװ און אדאמאָװ, װי אױך די זשאנדאמעריע פון דעמבלין און די שװארצע פון קארװין מיט ימבעקן, דעם גרעסטן מערדער אין יענע געגנט, בראש, אױך די פױלישע פײער־לעשער האָבן גענומען א געװיסן אנטײל בײם כאפן די פרעמדע.

מען האָט דאמאָלס געכאפט עטליכע הונדערט און מיך בתוכם מײן פרוי מיט די קינדער איז געלונגען דורכצוגײן די װאכע פארשטעלט אלס קריסטין מיט א קויש און מאָטיקע, דאָס איז געװען די צײט פון גראָבן קארטאָפל, און אװעק אין װאלד ארײן.

ארױסגענומען האָט מיך דאמאָלס פון שטוב א פױלישער פײער־לעשער ס'האָט נישט געהאָלפן קײן בעטן אז ער זאָל מיך באפרײען, ער האָט דאָס געקאָנט טאָן, ער האָט מיך צוגעפירט צו די איבריקע, עס זײנען שױן דאמאָלס געזעסן אױף דער ערד עטליכע הונדערט מענטשן איך האָב געקראָגן עטליכע קולאקס מיט דער קאָלבע און מיך געהײסן זעצן גלײך מיט אלע.

מ'האָט אונז געהײסן זינגען און טאנצן פארשידענע טענץ, באזונדער האָט מען געהײסן אײנער זאָל שלאָגן דעם אנדערן, אײנער האָט זיך געמוזט אװעקלײגן אױף דער ערד און דער צװײטער האָט אים געמוזט שלאָגן מיט א שטעקן און װען סאיז די מערדער נישט געפאָלן, דער שלעגער און דער געשלאָגענער זײנען דאָך געװען ײדן, האָט זיך דער שלעגער געמוזט אװעקלײגן און דער מערדער אלײן האָט אים ״געװיזן״ װי אזױ מ'שלאָגט א הונט. אזױ האָט מען געפראװעט אָרגיעס מיט אונז פאר עטליכע שעה.

איך װעל קײנמאָל נישט פארגעסן א שרעקליך בילד. מ'האָט געבראכט צופירן א זשעלעכאָװער ײד משה פאס, אָנגעטאָן אין טלית און קיטל, מיט א לאנגע װײסע פאטריאכאלע באָרד, באַגאָסן די באָרד מיט נאפט און אונטערגעצינדן און װען דער קרבן האָט זיך געפרואװט אריר טאָן אין זײנע יסורים האָט מען אים צעשטאָכן װי א זופ, ער האָט זיך געבעטן בײ די מערדער, שיסט מיך, נײן איז געקומען דער מעדערישער ענטפער, מיר װעלן דיך לעבעדיקערהײט דערמאָרדן, א שאָד א קויל, מיר האָבן געמוזט דעם קדוש ארום האלטן אונטערן אָרעם און אױף אונזערע הענט איז זײן הײליקע נשמה אױסגעגאנגען.

װײטער איז געקומען א באפעל געלט גאָלד װער עס האָט נאָר עפעס װערטפולע זאכן זאָל דאָס גלײך אָפגעבן װען נישט װערט ער גלײך דערשאָסן, פארשטײט זיך, װאָס אײנער האָט נאָר געהאט, האָט דאָס גלײך אָפגעגעבן.

עס פאלן פון אלע זייטן פארשידענע זאכן, געמיינט אפשר װעלן זיי זיך דערמיט ראטעװען, עס קומט א נייער באפעל: גוטע שטיװל װאָלענע זאָקן הויזן און מארינאַרקעס אלץ אװעקגעבן, און אזוי האָט מען זיך מיט אונז געשפילט ביז 12 אזייגער מיטאָג.

נאָך מיטאָג איז געקומען דער קאָמיסאר פון װאָליער-אָקשער הויף און מ'האָט אָנגעפאנגען ארויסקלייבן מענטשן אין הויף אריין אויף ארבעט, מ'האָט אויסגעקליבן כמעט בלויז אָקשער, ס'האָט נישט געהאָלפן מיין איינטערװענץ ביים אָרטיקן סאָלטיס, פאװיליאַק, און איך בין געבליבן אין א זייט אלס פרעמדער.

די אויסגעקליבענע מענטשן אויף ארבעט, האָט מען אָבגעשיקט אין הויף אריין און 97 מאן ארומגערינגלט פון 60-70 מערדער מיט מאשין געװער/חוץ פוילישע צוהעלפער/ געהייסן זיך לייגן מיטן פנים צו דער ערד.

איך ליג און קלער װי אזוי זיך צו ראטעװען, בין געװען זיכער אז די פרוי מיט די קינדער איז געלונגען זיך צו ראטעװען. איך ליג און זאָג װידוי, איך זע פאר זיך גאָרנישט, בלויז אביסל זון שטראלן, װעלכע שיינען מיר ארונטער. איך הער נאָר יעדעס מאָל באפעלן: איינס צװיי, ביז אכט אויפשטיין! און אין עטליכע מינוט ארום, דאָס "שפילן" פון מאשין געװער.

עס קומט דער באפעל אויף די לעצטע 6 מאן און צװישן זיי איך, אלעס אויפשטיין! איך פיל א זעץ פון די קאָלבע, איך רייס זיך גלייך אויף, מען פירט אונז אונטער א גרויסע װאַך, לעבן מיר װישניעװסקי מיט דער האנט ביים צינגל די ביקס אָנגעלאָדן און װען מיר קומען צען מעטער פון עקזעקוציע-פלאץ שטעלט זיך מיר פאָר אן אויסטערליש גרויליך בילד, עס זיינען שוין דאָמאָלס געװען אויסגעקוילעט 91 מאן: איינער לעבן צװייטן װי שעפסן אין שחט-הויז. איך װער װילד, רייס זיך אװעק און צװישן די הייזער און ביימער לויף איך, איך פיל, אז איך לויף נישט, נאָר פלי. די "מוזיק" שפילט מיר נאָך, נאָר איך פלי און גלייכצייטיק װאַרף איך פון זיך אראָפ די איבעריקע עטליכע זאכן װאָס איך טראָג, בלייב בלויז אין א נאכט-העמד, מ'לויפט מיר נאָך מיט א פערד, און דאָך געלונגט מיר אריין אין װאַלד, איך דראפע זיך ארויף אויף א בוים און בלייב אויף אים זיצן ביז עס װערט גוט פינסטער, איך גיי דאן אין נאָנטן דאָרף צו א באקאנטן קריסט און טרעף דאָרט מער ייִדן, איך קריג דאָרט עפעס אָנצוטאָן און פארבלייב דאָרט עטליכע טעג, אינצװישן צייט קומט מיין פרוי מיט די קינדער.

אָט אזוי איז מיר געלונגען, איינער פון 97 מענטשן, זיך צו ראטעװען, װען איך בין געװען אין אָקשע נאָכן באפרייען דורך די רויטע ארמיי, האָב איך עטליכע מאָל באזוכט דאָס קבר פון די 96 קדושים און זיך צוגעקוקט צום אָרט װאו איך האָב געזאָלט רוען צוזאמען מיט זיי.

זאָל זיי די ערד גרינג זיין
ערע זייער אָנדענקן.

צו אונזערע סעקרעטארן!

מיר בעטן אלע אונזערע סעקרעטארן, אונז לאָזן װיסן, װעגן די געפלאנטע יזכור אװנטן און װעגן די פאָרגעקומענע אװנטן.

רעדאקציע-קאָלעגיום

"אלײן באשטײן ס'שטעטל"...
(שווערע סך־הכל'ן)

יעקב ראָזענבאַנד פּאַמפּלאָנע־קאָלאָמבּיא

טויזנט חנ'ען פאַרמאָגט דער ײדישער זאָג : "אלײן באַשטײן ס'שטעטל", נו, פּרופט, אָקאָרשט, דאָס װעלן איבערזעצן אויף אַנ'אַנדערע שפּראַך?

װיפל גבורה און עקשנות, װיפל שטיפערישע פּאָטענץ און עכטע זעלבסטזיכערקײט ליגן פאַרבעהאַלטן אונטער די דרײ געצײלטע װערטער, מיט א היפּשן אונטערשלאַק פון סאַרקאַזם פאַר די מעגליכע צװײפלער.

שטעט און לענדער, פּונקט װי מענטשן און פעלקער פאַרמאָגן נײערע מערכות. לאָמיר עס סומ'רן מיטן תלמודישן שפּרוך : הכל תלוי במזל..

דאָס [illegible] פיצל מאַרטירער־שטעטעלע "לידיצע", האָט זוכה געװען בײ אסך פעלקער צו מאָנומענטאַלע נאָמען־טרעגער. אין נ״ע און אין װײטע געאָגראַפישע פּאַראַלעלן, זײנען אויפגעקומען נ״ע לידיצעס,

אָבער אונזערע אומצײליגע ײדישע לידיצעס, האָט די גויאישע װעלט־װי בכיװן־פאַרגעסן. פון ײדישן אומקום האָבן די אומות־העולם גאַנץ װײניגע דאגות. עם לבדד ישכון – ובגויים לא יתחשב...

מוזן ײדן אלײן באַשטײן זײער שטעטל...
דאַרפן ײדן אלײן, אײנזאַם־געמײנזאַם, אויסבויען נײערע מאַרטיריזירטן לידיצעס – לזכרון – עולם.

װען ירושלים של מטה איז חרוב געװאָרן, האָבן ײדן אומגעזוימט? אויסגעבויט דאָס אײביג־אײביגע ירושלים של מעלה, װאָס קײן באַרבאַרישער שונא האָט דאָס מער נישט געקאָנט דערגרײכן, װײטער אומצובריינגען עס.

בימים ההם – אָבער אויך – ובזמן הזה, מוז מען װײטער אָנגײן מיטן זעלבן מעטאָד. אונזערע לידיצעס של מעלה מער װי שטומע מצבות דאַרפן עס זײן מאַטעריאַל פאַרן המשך אין בילאַנס פון "עם ישראל חי"

געװיס איז עס א שװערער מעטאָד. אַרכיטעקטור, פאַר־עקסעלאַנד; פאַר אָביעקטיװן "של מעלה" פאָדערט גרויס אחריות, אָבער, װײטער דאָס זעלבע, – אָן א שמץ פון מליצה – לאָמיר עס זיך אײנחזרן :
מיר מוזן אלײן אונזער שטעטל באַשטײן!

פאַרבענרײך איז דאָס פּראָגראַם : יזכור־ביכער, קדושים אלבומען, מעמואַרן און מאַרטירעלאָגיע־ ליטעראַטור, יאָרצײטן, פּראַװען, קדושים־קולט און שול־ פּראָגראַמען, שולן און קבוצים אויפן נאָמען פון מאַרטירער־שטאָט, אויך אומצײליגע אַנדערע פּאַסיגע פאַראַנשטאַלטונגען. װאָס אין סומאַ־סומאַרום זאָלן װירדיג פאַראײביגן אונזער הימעל־שרײענדיגן אומקום בשנות 1939־1945.
זכור ואל תשכח אשר עשה לך עמלק !!!

אלע איבערגעריסענע פעדים פונדאסנײ צענויפבינדן, דעם איבעררײס צוזאמענװעבן און צענויפשמעלצן. געבן המשך און דערמיט װײטער אמאל באװײזן פאר זיך, פאר אונזערע קינדער און פאר דער װעלט,
אז, נצח ישראל לא ישקר.

געבענטשט זאלן זײן די הענט, װאס העלפן געטרײ בויען דעם המשך, די ארכיטעקטן פון אונזערע הײמיש־ײדישע לידיצעס של מעלהן
תחזקנה ידיכם !!!

סעפטעמבער 1951

״מײן הײם־

דאס שװאנען ליד פון יחיאל לערער

מ.ב.שטײן **תל־אביב - ישראל**

דערנאך קומט צוגײן רב פנחס אהרן מלכס /שטענדיק ברומט ער דא א טרויעריקס, דא א פרײליכס/ נאר אמײנסטנס סתם אזוי אשטײגער א בין װאס פלאטערט אין פרילינג אהער און אהין, איבער קאלשן צעבליטע איבער רויטן מאן און עס װערט אים נישט נמאס צו פליען אזוי שעהן הקפות צו מאכן ארום און ארום.

די ליפן צו זוכן פון דער יונגער בלום
און צו זינגען דערבײ, צו זומען און ברומען -
(״מײן הײם״)

אזוי שילדערט יחיאל לערער, אײנעם א ליבן אײנגײער אין זײער שטוב, אין זײן פאעמע ״מײן הײם״ און אזוי צעפלאטערט צו זינגען איז געװען י.ל. נאך אין דער יוגנט, א בחור אין חסידים־שטיבל האט ער געזינגען זײנע ״תהילים געזאנגען״ שפעטער דיכטערישע באטראכטונגען װעגן טאג און נעכט, לעבן און װעלט אויפן שטײגער פון טאגארע, געזאמלט א.נ. ״שטילקײט אין שטורם״ און ״ברונעם אין פעלד״.
ביבלשע מאטיװן װי ״דוד און בת־שבע״ און די פאעמע ״שאול און דוד״ אין די אלע לידער און פאעמען, איז פאראן א צעזינגען געמיט, א פלאטערנדיקע צעשפילטקײט װי פון א בין, אז עס קומט אויס װי די הערטער און פארגלײכן װעלכע ל. באנוצט, די נאטור שילדערונגען װעלכע ער גיט, זײנען צופיל דיכטעריש פארשפיצט און ער זינגט זײ נאר לשם זינגען. אין די טעמעס זײנען -״די ליפן צו זוכן פון דער יונגער בלום און צו זינגען דערבײ צו זומען און ברומען ״.
נישט בלויז דאס ראמאנטישע איז בײ לערערן צו זינגען, נאר אפילו דאס רעאליסטישע װאס האט צוטאן מיט דער גרויקײט פון לעבן, מיט גוט און שלעכט, מיט אײפערזוכט און נקמה, מיט אלט און יונג און ל. זאגט װעגן זיך:

״עס רוישן די בוימער, די בלומען רײדן צום טאקט פון מײנע טריט,
די נאכטיגאל זינגט, גיסט אויס אירע טענער
צום טאנץ פון מײן בלוט
די שטערנדלעך װינקען און סודן זיך (״שטילקײט און שטורם״)
שטיל צום סוד פון מײן הארץ
און דאס ראד פון דער זון בלאנדזשעט אײן
רוים װי עס בלאנדזשעט מײן געדאנק.

לערער און די אַרומיקע נאַטור, זינגען דאָס זעלבע ליד, באָדן זיך אין זעלבן גאָלדענעם שײַן און װי די בלום עפנט ער זײַן קעליך בײַם שײַן פון דער זון און פאַרשליסט אים װען די זון פאַרגײט. אפילו אין לערערס ליבע־לידער האָט מען מער דעם חלום פון ליבע, איר בענקשאַפט, װי דאָס פלאַמענדיקע פײַער פון דער ליבע און ער זינגט נאָר אין פרילינג פון דער ליבע װי דער נאַכטיגאַל און נישט אין דער ליבעס רײַכן זומער.



יחיאל לערער, דער שרייבער פון די שורות, אייניקע יונגע שרייבער, אין דער געזעלשאַפט פון י.מ. ווייסענבערג און זיין פרוי

דאָס שטעטל זשעלעכאָװ האָט געהאט א באזונדערע זכיה, װאָס אפילו גרויסע שטעט איז עס נישט געװען באשערט. אין ערשטן דור פון דער װעלטליכער יידישער ליטעראטור האָט זי, זשעלעכאָװ, פון איר מיט, פון "שוסטער־געסל" ארויסגעגעבן דאס װאונדער — י.מ. װײַסנבערג און אין צװײטן דור יחיאל לערער.

צװישן װײַסנבערגן און יחיאל לערער ליגט נישט בלויז דאָס דור און י.ל. פרצס "גילדענע קייט" און "חסידים", נאָר דער אָפּשטאם און דער אונטערשיד פון געמיט. נישט בלויז װאָס י.מ. װײַסנבערג, דער פּראָזאיקער פון שוסטער־געסל האָט אָנגעהויבן װירקן אינדערצײַט פון אויפשטײַג פון דער גרויסער רוסישער רעװאָלוציע און ער האָט מיט זײַן פעדער אויסגעהעמערט דעם יידישן דחקות "דעם דור הולך ודור באָ" "דעם חוב" און דאָס "שטעטל" אין איר רעװאָלוציאָנערן אויפברויז־נאָר װײַסנבערג איז געװען דער מאלער פון יידישן שטעטלדיקן דחקות־דיקן רעאליזם און יחיאל לערער — דער צעזינגענער, װאָס האָט געהאט אין זיך בלוט פון א צוזינגנדיקע שטיבל־עדה, יידן װעלכע דער חסידישער ניגון איז געװאָרן א צװײטע נאטור און די אמונה און בטחון־א לעבענס שטײַגער. יחיאל לערער שטאמט פון א גוט־יידישן דור, בײַ װעלכע שװארץ איז שװארץ — אויב גאָר חלילה איז דערבײַ נישטאָ און צרות דריקן — אויב דער בטחון איז חלילה אויסגעלאָשן.

צווישן חסידים ווערט דערציילט א מעשה פון קראָקאָווער גביר, אייזיק רב יענקלעס, וועמען סהאָט זיך אלאנגע צייט יעדע נאכט געחלומט, אז ביים קייסר'ס פאלאץ אין אלטן פראָג, ליגט באַגראָבן אן אוצר. דער חלום האָט אים נישט געלאָזט צורו און מיט גרויס מי האָט ער זיך געלאָזט קיין פראָג, און זייענדיק דאָרט טעג און גראָבנדיק מיט סכנת נפשות ביים קייסר'ס פאלאץ, האָט אים א זעלנער פון דער וואך דערציילט, אז אים חלומט זיך פון אן אוצר אין קראָקא ביי איינעם רב יעקעלעס אונטערן בעליק און קומנדיק אהיים, האָט רב יעקעלעס ביי זיך אונטערן בעליק, געפונען דעם אוצר.

דער אוצר פון יחיאל לערערס דיכטונג האָט זיך נישט געפונען אין די ”תהילים־געזאנגען”. נישט אין ”שטילקייט און שטורם” און נישט אין ”ברונעם אין פעלד, אויך נישט אין זיינע ”ביבלישע מאָטיוון” און אויך נישט אין דער פאָעמע ”שאול און דוד” נאָר ביי זיך אונטערן בעליק פון זיין היים, אין דער פאָעמע פון לעצטן יידישן דור אין פוילן ” מיין היים”.

יְחִיאֵל לֶרֶר

בֵּית-אַבָּא

די הילע פון "מיין היים"
אין עברית, ארויסגעגעבן אין
ישראל .

נישט פאראן קיין דיכטונג, וואָס שעפט נישט פון נאָנטן קוואל פון זיך. זיין איבערלעבן און זיין היים. אָבער שילדערן די אייגענע היים איז זייער לייכט נכשל צו ווערן, ווי עס איז לייכט נכשל צו ווערן ביים שילדערן זיך. עס ליגט צו נאָנט, מ'זאָל עס קאָנען זעען און עס פעלט אָפט אויס די פערספעקטיוו ביים מאָלן און דאָס קאָנען שאצן־ביים שרייבן.

יחיאל לערער אָבער האָט געוואָגט און איז ארויס פון דעם געפערליכן פרוו מיט א פולן נצחון.

לערערס "מיין היים" איז געוואָרן דאָס שוואנען־ליד פון לעצטן דור פון פוילישע יידן און דאָס "איכה" קלאָג־ליד פון דעם ייד אין פוילן, וואָס איז אומגעקומען פון דער היטלער־קאטאסטראָפע און יחיאל לערער הייבט אָן זיין פאָעמע, מיט א סוביעקטיווער ווידוי, כמעט פעלעטאָניסטישן אָנהויב:

"נאקעט ווי אדם"? נישט גוט געזאָגט.
יענער האָט גאָרנישט און אלץ דאָך פארמאָגט,
א גלויבן, א גאָט און פרייד פון א קינד,
נאקעט בין איך, נאקעט אויף וואָר,

אין טויזנט ניינהונדערט זיבנאון דרייסיקסטן יאָר.
כ'בין די מדבר, איר זאמד דאָס פארברענטע
א שול א פארשווערטע פון שונאים געשענדטע
א שוואלבן־נעסט הארבסט־צייט ווען ס'פאלן די בלעטער
א חורבה – א זכר נאָך געשטאָרבענע געטער
א ביידל אין סאָד אונטער הינטער־ שניי בלייכן –
און נאקעטער נאָך ווי די אלע פארגלייכן.

לערער שטעלט נישט פאר זיך אליין, נאָר דעם גאנצן דור זיינעם, וואָס איז נאקעט, אָן גאָט און אָן פרייד און אָן מורא פאר זינד און ער הייבט אויף זיינע בלויע פארחלומטע אויגן צום שבת־פארנאכט אין זיין היים, צו דער מאמע, דעם טאטען, צום יונגן שוועסטערל און צו די שכנים. וואָסאר גרויסער קאָנטראסט, צווישן די הייליקע טרויעריקע שבת־פארנאכטיקע היים, וואָס טרויערט פארוואָס דער שבת קודש גייט אוועק און דעם דור נאקעטקייט?

ער ווערט צארט, דעם טאטנס שבתדיקער שלוש סעודות מיט די חלות, דאָס האנטוך און דאָס מיסקעלע זויערע מילך, איז נישט אזוי פארבנרייך ווי די שבתים ביי די זיידעס ווען וועלכע די מאמע חלומט פון איר יוגנט און די התונה צייט און דער יעצטיקער שבת־קעגן דער נאקעטקייט פון זיין־לערערס, דור? און שטיל מיט א פיינעם הומאָר דערציילט לערער, די עכט יידישע סצענע צווישן טאָטע מאמע, וואָס איז אָנגעפילט מיט אזויפיל טרויער און שבתדיקייט:

"די מאמע לייענט אָפ פון זיין (דעם טאטנס) פנים די פיין
און קוקט אים מיט פול מיטלייד אין די אויגן אריין.
וואָס שוועבן פארגלייזט אין א אומגעזעען לאנד.
זי זעט ווי עס ציטערט דער בעכער אין זיין האנד,
ווי דער וויין לויפט איבער דעם זילבערנעם ראנד
און קעגן הבדלה־ליכט פינקלט ער שיינט –
דאכט זיך דער מאמען, אז דער בעכער וויינט
ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אין פארגאנגענער פרייד.
ווייל ער האָט זיך פארבענקט צו דער חתונה־צייט
פילט די מאמע זיין בענקשאפט פיין
און וויל אים טרייסטן און זיין געוויין –
נאָר דערהערט זי פלוצלינג ווי דער טאטע לאכט
– הבדלה – זאָגט ער – האָב איך שוין אָפגעמאכט
פון א גוטער מינוט און זי שטייט אלץ און טראכט:
פון וואָס א שטייגער? פון נעכטיקן טאָג?
פארדריסט עס די מאמע און גיט א זאָג:
און אז פארטראכטן זיך איז וואָס?און אז פון נעכטיקן טאָג?

די הײם איז פאראָרעמט, פרנסה קומט נישט אָן לײכט, דער שװארצער װאָלקן װאָס ליגט אױף דער שטוב איז אָבער ־ זיבן פון די נײן קינדער, זײנען צעשפרײט איבער זיבן ימים. די פײגל זײנען זיך צעפלױגן און די נעסט איז געבליבן אױסגעלײדיקט און דעם צער פון דער אױסגעלײדיקטער נעסט האָט לערער געגעבן מיט אזא פײנפילנדן פאָלקסטימליכן ײדישן לעבנס שטײגער און צארטן הומאָר, אז עס רירט מיט דער דינער הארציקײט און בילדליכקײט און מען װערט אָנגעשטעקט װי פון עפעס אײגנס פון לאנג פארגעסענעם, װאָס לעבט מיט אונז און װאקסט מיט אונז, װי דער טיפער היץ אין דער קאָרע פון א בױם. אזױ אױך די שפעטערדיקע סצענעס פון דער חסידישער מלװה־מלכה און דעם גבירס קומען און דעם גבירס זונס האלטן דעם פאָטערס רײכן שבתדיקן פאלטאָן, ער זאָל זיך נישט אױסמישן מיט א טראנטעס פון די ארימע חסידים.

א באזונדער אָרט פארנעמט אין דער פאָעמע ״מײן הײם״ רב פנחס אהרן מלכס. ער האָט אין זיך דעם אָפשײן פון אמאָל, נאָך װעלכן די מאמע חלומט פון א טיף אינערליך ײדיש לעבן, דעם היפוך פון דעם נאקעטן דור. זײן רײנקײט, שטילקײט און מורא פאר זינד און זיך היטן פון איר, האָט אין זיך די גאָלדיקײט פון א פרי הערבסטיקע שקיעה און זײן האנדלען מיטן נגיד און מיטן פרעסערישן קאָמיסיאָנער, איז אָנגעשריבן מיט אזױפיל נשמה־רײנקײט און צדקות, אז זי דערהײבן ״מײן הײם״ צו די מאמעס לעגענדע פון צדיק דעם נשרף.

איבערהױפט איז אזױ יום־טובדיק דער ערב סיכות פארנאכט אין שטיבל, דעם קאָמיסיאָנערס בעטן, אים קומען אין שענק ארײן און זײן פרידליכן אָפזאָג, עס זײנען פון י. ל. פרצעס ״שבתדיקע און יום טובדיקע ײדן״, װאָס װילן דעם גאנצן ארום מאכן אײן יום טוב און אױך דער צער פון רב פנחס אהרן מלכס דעם זונס רײסן פון בריװ און זײן אױסשטענהן זיך מיטן זון־זײנען דערהױבן די יום טובדיקײט.

די אינטימקײט אין דער פאָעמע ״מײן הײם״ ברײנגט ארײן די מאמע, די מאמע ברײנגט ארײן אין דער הײם די ליבע, די געטרײשאפט און איבערגעגעבנהײט און די בענקשאפט : דעם חלום פון איר מײדלשאפט פון איר חתונה און די אלטע גבירשאפט און זי איז די פױגל־מוטער, װאָס היט די נעסט.

צו די מוטער פילט לערער א ספעציעלע נאָנטקײט. אפילו זײנע חלומות װעגן גאָט פארטרױט ער די מוטער און הארציק אינטים איז דאָס ליד פון די פריעריקע יאָרן :

״יאָ טײערע מאמע, איך האָב באגינען געזען
דעם אױפברוך פון טאָג :
א קלײנינקע צײט האָט דער מזרח געבלױט,
באלד איז ער רױט געװאָרן,
די נאכטיגאל האָט איר נאכט ליד געענדיקט
זי האָט די לערכע באגריסט,
א הערליכער כאָר האָט פון װאלד זיך דערהערט,
פון פײגעלעך נאקעט און צארט
און איך האָב געפילט װי דער הימל פראלט
אױף און גאָט קומט אראָפ אױף דער װעלט.
האָט פון זיך זעלבסט מײן מױל זיך געעפנט
און זיך זעלבסט מײן נשמה צעזינגען.
דערנאָך איז די זון אלץ נענטער געקומען,

אלץ העכער באלויכטן די װעלט.
זענען מענטשן ארויס פון די הײזער און
יעדער איז געלאָפן זײן װעג.
איך האָב זײ פארהאלטן, אנטפלעקן געװאָלט דעם
גילדענעם סוד פון מײן הארץ
דאָך זײנען זײ אײליק פארבײ מײן געזיכט, קײן אכט
גאָר אויף מיר נישט געלײגט,
זײ האָבן געלאכט, װען איך האָב זײ געזאָגט, אז
גאָט איז געקומען
אָבער גלויב מיר מאמע, גאָט איז געקומען
הײנט מיטן אויפברוך פון טאָג.
"שטילקײט אין שטורם"

דעם זאראטוסטרא מאָטיװ פון מענטשן אויפן יריד װאָס גלויבן נישט האָט לערער געמאכט נענטער, אינטימער. ער האָט זײן דיכטערישן סוד אָנפארטרויט דער מאמען און די פארחלומטע מאמע װאָס האָט נישט געליטן די שכנטעס, די פלאפערקעס, װעלכע װײסן אלץ – זי די מאמע, האָט לערערס שטילן חלום געגלויבט. זי האָט די קינדער אירע אלץ געגלויבט און אין זײ געגלויבט.

און די קינדערס אװעקגײן פון איר און זײער לאָזן זיך איבער זיבן ימען און. די יונגע װאָס זײנען נאָך געבליבן אין שטוב לאָזן אויך טאטע און מאמע גאנצע נעכט אלײן – האָבן איבערגעריסן אירע גילדענע הײליקע חלומות און אָנגעפילט די שטוב מיט פײן, מיט צער. זי טראָגט נישט בלויז איר צער נאָר אויך דעם טאטנס. זי זעט זײן הבדלה בעכער װײנען, און די גברונות פון אמאָל קלאמערן זיך אין איר און זי:

טענהט שטום צום באשעפער, כװאָלט גענומען פאר ליב
אלע דײנע שטראָפן װאָס דו שיקסט
מיר מיט די יאָרן,
נאָר דאָס װאָס די קינדער זײנען נעבעך זיך צעפאָרן
אין אלע עקן װעלט, דער אהין און דער אהער
דאָס זעסטו רבונו של עולם, דריקט אזוי שװער
אז װען דו זאָלסט ארויפלײגן דײן גאנצע װעלט
אויף אײן װאָגשאָל און מײן געמיט, נעבעך, װאָס מיך קװעלט,
אויף דער צװײטער װאָגשאָל, װאָלט מײנס איבערגעשװערם:–

און:

די יוגנט איז נישטאָ מער װי רעגנבויגן
שװעבט זי איבער אונז אויסגעבאָדן אין טוי
אזוי ראָזע װײס און אָמשולדיק אזוי:
אז נישט אײנמאָל גײען אונז די אויגן איבער
מען קלאמערט זיך אין איר און מען װײטיקט דעריבער,
װאָס אָט־נאָר־װאָס איז מען אויכעט געװען אזוי שײן,
אזוי גאנץ פרײדיק, אײביק װי גאָט אלײן
און פלוצלינג־דו װײסט נישט װי אזוי ס'איז אװעק.

- - - - -

האָט יחיאל לערער געװאוסט אז דאָס שװאנען־ליד פון פוילישן ײד װעט אויך זײן, זײן שװאנען־ליד? האָט ער געזאָגט אז מיטן אומקומען פון די פוילישע ײדן דורך היטלערן, װעט ער אויך אומקומען? אײן קדושים – טויט פאר די זעקס מיליאָן ײדן, און פאר אים?

א שװאנען ליד זינגט מען נישט, א שװאנען ליד זינגט זיך פון זיך אלײן, װען דער הארבסט קומט און א טרויער פילט אָן דעם אָרום און אָט דעם טרויער האָט יחיאל לערער מיט זײן דיכטערישע אינטויציע דערפילט, װי עס האָט זי דערפילט זײן טאטע און זײן מאמע, װען דער שבת־קודש גײט אװעק און עס רוקט זיך אָן א גרויע װאָך.

דער װאונדערליכער ראם פאר דער לאנדשאפט, דעם געמיט, די אטמאָספערע פון יחיאל לערערס ״מײן הײם״, איז אלײן א טעמא פאר א פרישע עסײ.

אויסצוג פון א גרעסערע ארבעט איבער
יחיאל לערער

יעקב פלהנדלר ישראל

די פאָעמע ״מײן הײם״ פון יחיאל לערער, שטעלט מיט זיך פאָר דעם בילאנס פון פױלישן ײדנטום פארן מבול. דאָס איז דער טרויער מארש איבער די שװארצע װירקליכקײט. א דאָקומענט פון ערשטקלאסיקן כאראקטער, זי האָט געשלאָגן טיפע װאָרצלען אין דער ײדישער געזעלשאפט. (דער גײסטיקער פירער פון די א״י ארבעטערשאפט, בערל קאצענעלסאָן ז״ל, האָט איבערגעלאָזט א צװאה, אז די פאָעמע זאָל װערן איבערזעצט אין העברעאיש. זי איז װאונדערבאר איבערזעצט געװאָרן אין העברעאיש דורך ש. מעלצער און ארויסגעגעבן געװאָרן דורכן פארלאג עם העובד.)

די גרויסע אויטאָריטעטן פון אידיש גײסטיקן לעבן, האָבן מיט גרויס דרך ארץ אויפגענומען די הערליכע פאָעמע פון לערערן. ל. איז געלונגען אין די ראמען פון א מלוה־מלכה, צו געבן אונז א שעדעװער פאר יענער תקופה.

אין װארשאװער הײנט נומער 260 פון 12טן נאָװעמבער 1937, איז פארעפנטליכט געװאָרן אשס אָפשאצונג, אין פאָרם פון א בריף צו יוסף טונקל כהא לישנא: ״ װען לערערס װאונדערבארע פאָעמע װאָלט ארויסגעגאנגען אין אנאנדער לשון, אָדער אין לשון קודש, װאָלט מען מרעיש עולם געװען.

לערער איז א דיכטער פון גאָטס גענאָד, זײן פאָעמע ״מײן הײם״ געהער צו די שענסטע ביכער װאָס זײנען ארויס בײ ײדן.

װי אָרעם און פארלאָזט זײנען מיר, אז אזא פאָעמע, װעלכע װאָלט ארויסגערופן א שטורם אין יעדע אנדערע ליטעראטור, װערט בײ אונז פארשװיגן:

װען דער פ.ע.נ.־ קלוב האָט צו פארטײלן א פרעמיע, בעט איך אײך איבערצוגעבן אין מײן נאָמען, אז לערער האָט פארדינט דעם פריז.

אין הײנט פון 29טן דעצעמבער 1937, איז דערשינען א הערליך ארטיקל פון י.מ. נײמאן, א.נ. ״דאָס ליד פון פױלישן איד״, אן אָפהאנדלונג װעגן לערערס בוך.

אין מאָמענט פון 21טן יאנואר 1938, איז דערשינען אין די ליטעראַרישע בײלאגע, א גרויסער ארטיקל פון הלל צײטלין ז״ל א.נ. ״אזוי דארף מען זעען אידן״.

אויך נח פרילוצקי און אנדערע האָבן זיך ברײט אָפגעשטעלט איבער דער װיכטיקײט פון דער פאָעמע אין די יאָר־באריכטן, איז די פאָעמע פארצײכנט געװאָרן אלס אקטיװ פון פױלישן אידענטום.

יְחִיאֵל לֶרֶר

יחיאל לערער האָט באקומען פאר דעם בוך די אייטינגון פרעמיע. דער פ.ע.ן.־קלוב אין פוילן האָט איינגעאָרדנט א פייערונג און דער פייערליכער אקט פון איבערגעבן די פרעמיע איז פאָרגעקומען דעם 9טן מערץ 1939 אין דער אַנוועזנהייט פון די גאנצע ליטעראַרישע עליטע אין ווארשע.

דער כבוד פאר זשעלעכאָוו און אירע יידן איז דאָרט געקומען צום אויסדרוק און זשעלעכאָוו איז פארוואנדלט געוואָרן אין א סימבאָל וועלכע איז אין מיניאטור, געווען דער אויסדרוק פון גאנצן פוילישן יידנטום.

וועגן לערערס ווייטערדיקן שאפן און גרויזאמען טויט אין ווארשאווער געטאָ, איז פיל געשריבן געוואָרן, איך וויל פארענדיקן מיט די ווערטער פון גרויסן העברעאישן דיכטער, וועלכער איז אויך אומגעקומען דאָרט. יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין זיין פנקס וויטאל (לעצטענס פארעפֿנטליכט אין א״י.)

שרייבנדיק וועגן פיל אָנגעזעענע פערזענליכקייטן וועלכע זיינען אומגעקומען אין געטאָ, שרייבט ער וועגן לערערן:

״המשומד שרינסקי (הרג) את יחיאל לערער, את ישראל שטערן שני משוררים מצויתונים. את ״פאן טאדעאוש״ לומדים ילדי ישראל על־פה ואת ״מיין היים״ של לערער יצירה שאינה נופלת מאיכותה מן הפואימה הנפלאה של מיצקיביץ־מי מכירה אצלנו? מי ניזון מן העושר הרב שפואימה זו של לערער מכילה?

ושיריו של שטערן רבי ההגות והלך־הנפש האם מתמלא מהם עלם מישראל? בדמי ימיהם נאלמו משוררים מצויינים אלה. מי יזכרם? הובלו עם מיליוני אחיהם לגרדום בעצם שירם.

כתבי יצחק קאצענעלסון,

אזוי איז צעבראָכן געוואָרן די הערליכע הארפע, וועלכע האָט תאוויזן פאר אונז צו זינגען א טייל פון אירע הערליכע טענער.

אָבער אין די יידישע ליטעראַטור, וועט יחיאלס נאָמען הערן פארהערליכט צווישן די גרויסע קינסטלער.

אין אנערקענונג פון דעם אלעם, האָט דער אָרגאניזיר קאָמיטעט פון אלוועלטליכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, מיט דער מיטהילף פון די זשעלעכאָווער איבער דער וועלט, ארויסגעגעבן א לוקסוס אויסגאבע, אלע שריפטן פון יחיאל לערער. אויך דער פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינא, האָט ארויסגעגעבן לערערס ״מיין היים״

היינט נומער 302

י. מ. נייזמאַן

דאָס ליד פון פּוילישן איד

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די אידישע ליטעראַטור אין פּוילען לעבט איצט איבער אַ נייעם רענעסאַנס. עס זענען ערשינען איינינגע ווערק פון עלטערע און יונגערע שרייבער, וועלכע אָטעמען מיט גבורה. עס זעהט אויס, ווי דער שטורם און די אויפטרייסלונג האָט אויפגעאַקערט אונזער פעלד. אונזערע ליידען זוכען זייער אויסדרוק. עס איז אַנ'איבערגאַנגס־צייט אין אונזער געשיכטע, אַ גורל־שעה, און אונזערע שרייבער הויבען שוין אָן צו פיהלען דעם רויש פון די מעכטיגע פליגעל.

אַ סך שרייבער זענען געווען אַ צייט לאַנג ווי געפּענטעט אין אַ שווערן פּלאָנטער.

זיי זענען געווען אונטער'ן פּסיכישן דרוק פון פאַלשע טעאָריעס און ריכטונגען.

אינטאַקטליך האָט מען איבערגעריסען מיט דער אידישער טראַדיציע און מיט יעדען נאַציאָנאַלען געפיהל. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט געשפּיגען קלעקס אויף אייגענער טאַטע־מאַמע. מען האָט חוזק געמאַכט פון איד. מען האָט אַרויסגעשלעפּט אַלדאָס בייזע און מיאוסע, און דאָס האָט געזאָלט זיין דער שפּיגעל פון אידישען לעבען. די זעלבסט־בעשפּייאונג איז געווען אַ נעבאַך; דער זעלבסטהאַס — אַ מאָדע. און שפּעטער האָט מען זיך געוואונדערט, אַז דאָס פאָלק האָט די ווערק נישט אויפגענומען, ווי אַזוי זאָל דאָס פאָלק ליבען אַ שרייבער, וואָס איז פול מיט שנאה צום פאָלק?

און לויט דער פאָרם איז מען ממש געקראָכען אויף די גלייכע ווענד, געמאַכט פערשידענע אַקראָבאַטען־שטיק, פערקריפּעלט די שפּראַך, אויסגעזוכט אויסטערלישע פערגלייכען, און געוויזען די מערקווירדיגע קונץ, אַז מען קאָן אויך שרייבען אויף אידיש מיט אַנ'אָך־קוציץ־שפּראַך פון אַמאָליגע העברעאישע בטלנים, און ווידער האָט מען זיך געוואונדערט, אַז דאָס פאָלק האָט זיך נישט געקוואַפּעט נאָך די ווערק, וועלכע זענען געלעגען אויף די פּאָליצעס.

איצט איז געשעהען צום גליק אַן ענדערונג. מען האָט רעהאַביליטירט די פאָלקסטימליכקייט און די טראַדיציע און מען מעג שוין שרייבען פּשוט און פערשטענדליך.

ווען מיר האָבן די פּשוט'ע אמת'ען אַרויסגעזאָגט מיט איינינגע יאָהר פריהער, האָט מען אונז געשטעמפּעלט אַלס „פאַשיסטישען קרעמין", אָדער גאָר — חשם ישמרנו, — אַלס „פיינשמעקער" (מיט נעזענפיסלעך). מיר גלויבען אָבער, אַז אַ ליטעראַטור־געשמאַק קאָן נישט דיקטירט און אָנגעוואָרפען ווערען דורך אַ פּאָליטישער ריכטונג. דער גוטער געשמאַק האָט עפּעס אין זיך סטאַביליעס, אונפערענדערליכעס. דער געשמאַק קאָן זיך ענדערען, ווען עס ענדערט זיך די עפּאָכע, אָבער ווען איינער ענדערט זיין מיינונג פון היינט אויף מאָרגען, ווייל ער האָט צוליב קאָניונקטור געענדערט זיין פּאָליטישע ריכטונג און ער שטעמפּעלט פאַר גראַפאָמאַניע דאָס, וואָס ער האָט ערשט נעכטען געלויבט ביז'ן הימעל אַריין, האָט ער אַלע סימנים פון שאַנטאַזש אָדער לעבערליכקייט. אין ביידע פאַלען איז נישטאָ קיין אחריות פאַר'ן וואָרט.

די ליטעראַרישע „טאַשטשקאַרבאַנדע" פּרובט נאָר צו טעראָריזירען און אָרגאַניזירען שטראָף־עקספּעדיציעס אויף פּאָליטישע געגנער. אָבער די אימה איז אַוועק. מען האָט זיך אויפגעהערט צו שרעקען פאַר די פּאָר ביכעל־און בראָשורען־מענשען, וואָס דראָהען מיט'ן צאָרן פון די פאָלקס־מאַסען. מען איילט זיך נישט מעהר צום שטרענגען פּאַרטיי־טייטעל. מען איז אין אָרדנונג מיט זיך. דאָס איז איינע פון די הויפּט־סיבות פון רענעסאַנס פון דער אידישער ליטעראַטור אין פּוילען. עס וועט דויערן ביז דאָס וועט אויך קומען צום בעוואוסטזיין פון לעזער און קויפער, ווייל דער לעזער איז אָפט גענאַרט געוואָרען. עס איז ממש געווען אַ רעוואָלוציע אין דער ליטעראַטור. די פּאַרטיי־פויסט האָט געפיהרט ביזיגע „וואַהל־קאַמפּיינס" פאַר ביכער, וואָס זענען פּשוט אונפערדייהליך פאַר'ן פּשוט'ן לעזער. עס איז אַ קריזיס פון צוטרוי. מען האָט צופיעל אַרויסגעטראָגען בעוואוסטזיניג געפעלשטע אורטיילען. עס וועט דעריבער כדאי זיין פון צייט צו צייט צו געבען איבער די הענד די בעוואוסטזיניגע פעלשער פון די העכסטע ווערטען, ווי עס איז די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור ביי אַ פאָלק, — און וואָס דער עיקר, — בעטאָנען די ווערק, וואָס פערדינען אויפמערקזאַמקייט און וואָס עס דראָהט, אַז מען זאָל זיי ביי אונזערע פערהעלטנישען פערשווייגען און דערשטיקען.

* * *

אַזאַ צאַרט בוך איז נאָר וואָס ערשינען. עס איז אַ פּאָעמע פון יחיאל לערער אונטער'ן נאָמען: „מיין היים". דאָס בוך איז ערשינען אין אייגענעם פערלאַג, ווייל דאָס מין פערלעגער איז נישטאָ מעהר.

הלוואי זאָלען מיר ליגען זאָגען, — דעם בוך דראָהט אַ געפאַהר, אַז מען זאָל עס מאַכען צו קליינגעלד און עס צעטרייבערען — אַז עס זאָל קיין שריד און פּליט נישט בלייבען. ווייל יחיאל לערער האָט אויף זיך חטאים, פאַר וועלכע עס קומט שיער נישט קאַטאָרגע. ער איז טיף רעליגיעז, האָט סימפּאַטיעס פאַר ארץ־ישראל און שרייבט אָהן קונצען, נאָר פּשוט און פערשטענדליך. דאָס זענען אַזעלכע פערברעכענס, וואָס אונזערע גראָב־שמעקערס (אָהן נעזען־פיסלעך) קאָנען נישט מוחל זיין. יחיאל לערער האָט טאַלאַנט, און אויך דאָס קאָן מען נישט מוחל זיין. די קראָהען שפּירען דעם ריח פון נבלה און פוילעניש. עס זענען אָבער אויך דאָ אַזעלכע קראָהען־קריטיקער, וואָס וואַרפען זיך אויף לעבען און אויף פרישקייט און בליהונג. עס איז אַזאַ ספּעציעלע פעהיגקייט צו טרעפען פּונקט פערקעהרט.

יחיאל לערער'ס בוך דראָהט אַ געפאַהר נישט פערשטאַנען צו ווערען, ווייל עס איז נישט געשריבען לויט אַנ'אָנגענומענעם נוסח. עס איז אַזוי שטיל, אַזוי

צאַרט. עס איז אַזוי דממה דקה'דיג, — און ווער האָט היינט אויערען פאַר אַזעלכע דינגע זאַכען?

מיר האַלטען שוין ביים קוויטשעדיג־שרייענדיגען דזשעז, — ווער וועט הערען דאָס ליעד, וואָס איז אויסגעשפילט דורך אַ שטיל פאַסטוך־פייפעל?

דאָס בוך: „מיין היים" איז נאַאיוו, אונבעהאָלפען. עס מאַכט ,לויט דער קאָנסטרוקציע דעם איינדרוק פון אַ פרימיטיווער פאָלקס־צייכענונג, אָהן די אָנגענומענע געזעצען, און דאָך האָט עס אַ חן, וואָס איז ממש ריהרענד.

דיזער מאַנגעל אין קאָנסטרוקציע בלייבט דאָך אַ פעהלער אין דער פאָעמע. עס איז כמעט נישטאָ קיין אַקציע — איהר קאָנט נעהמען דאָס לעצטע קאַפּיטעל און אָוועקשטעלען אין אָנהויב. נישטאָ קיין אויפבוי, קיין שטייגערונג. די געשטאַלטען זענען ווי פערנעפעלט. דער יונגער דור קומט אַרויס נאָר בלייך. און דאָך איז „מיין היים" איינס פון די הערליכסטע ביכער אין דער נייער אידישער ליטעראַטור. עס קלינגט ווי אַ פאַראַדאָקס, אָבער דאָך איז עס אמת. עס זענען פאַרהאַן ביכער, וואָס יעדער פרט בעזונדער איז כלומר'שט גוט און דאָך איז דאָס גאַנצע בוך ווערטלאָז, ווייל עס פעהלט דער רוח הקודש — די נשמה. אין פאַרהאַן ווידער ביכער, וואָס זענען כאַאָטיש, פעהלערהאַפט, און דאָך בליצט אין זיי טאַלאַנט און גייסט. צו די דאָזיגע ביכער געהער „מיין היים" פון יחיאל לעהרער. דער שרייבער, וואָס וועט דערגרייכען די שלמות פון פאָרם, פערבינדען מיט אַן'עכטען עהרליכען גליהענדען אינהאַלט, — ער וועט זיין פאָלקאָם, קלאַסיש. אַזעלכע ווערק קאָן מען אויפצעהלען אויף די פינגער, — און בפרט איז די היינטיגע אונרוהיגע צייטען. לאָמיר נעהמען פאַר ליעב דאָס ביסעל גוטס, וואָס ווייזט זיך פון צייט צו צייט. מען זעהט סימנים פון ענטוויקלונג, אַ באַרג אַרויף, — און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע.

יחיאל לעהרער שילדערט אונז אין זיין פאָעמע, וואָס האָט אָפט נאַאיווע ברחנ'ישע (אין בעסערען פאָלקסטימליכען זין פון וואָרט), גראַמען, דאָס לעבען אין אַ אידיש שטעטעל היינטצוטאָג אין פוילען. זיין אייגענע טאַטע מאַמע. משפחה. פשוט'ע אידען, וואָס נעהמען זיך איבער מיט'ן יחוס, וואָס זיי שטאַמען פון גוטע אידען, פון וואָרקער רבי'ן. די פרנסה איז געשלאָגען. די קינדער ווערען פערוואָגעלט אין אַלע עקען וועלט, ווער קיין פאַריז, ווער קיין פערו, ווער קיין בראַזיליען. איין זוהן זיצט אין תפיסה. איין טאָכטער, די יונגסטע, פערשרייבט זיך אויף הכשרה. דער שטאָלץ איז דער זוהן, וואָס איז אין ארץ־ישראל. וועלכער האָפט — אַז ער וועט נאָך אַריבערנעהמען די עלטערן און איינזאַמלען צו זיך אַלע זיינע ברידער, אָבער דער דאָזיגער חלום איז צו שען — אַז ער זאָל וואָהר זיין.

מען שפירט דעם צער, וואָס עס ברעכט זיך איבער דער אידישער לעבענס־שטייגער. די עלטערן זענען פרום, און די קינדער געהען שוין אויף נייע דרכים. עס איז די אַלטע געשיכטע מיט'ן קאַמף פון עלטערן און קינדער, — אָבער דאָ זענען שוין ביידע רעזיגנירט. מען מיידט אויס דעם קאַמף, און דאָך איז אַזאַ שטילער צער פאַרהאַן, וואָס עלטערן און קינדער פערשטעהען זיך נישט און ווערען צעשיידט.

אין איין סצענע ווערט געשילדערט, ווי אַזוי די קינדער זעצען זיך צום טיש עסען, און מען וואַשט זיך נישט און מען מאַכט נישט קיין המוציא, — און דער פרומער טאַטע קוקט זיך צו דערצו, און דאָס הארץ טריפט פאַר צער. עס וואָלט אייגענטליך אויסגעקומען צו ציטירען גאַנצע זייטען פון בוך, — מיר ווילען זיך בעגנוגענען מיט איינינע שורות:

„...דער טיש איז געגרייט.
אויפ'ן טישטוך ברויט. אַ מעסער, לעפעל, אַ מעסטעלע זאַלץ;
אין ווינקעל, — אַן'עמער, אַ קוואָרט. מיט איין וואָרט — אַלץ
ווי אין אַ אידישער שטוב. פנחס הערט זיך איין,
וויל הערען דעם נאָס פון וואַסער אין שיסעל אַריין, —
הערט ער נישט. קיין מוציא — אויך נישט. דאָס וואָס ער הערט יאָ איצט
איז דער שניט פון מעסער — שאַרף אין פרישען ברויט, אַזש עס קריצט.
אַ קריץ. אַ רים. אַ בים. אַ קיי.. און גיך, גיך, — מען יאָגט זיך:
און רב פנחס'ן דאַכט זי, ווי דאָס ברויט קלאַפּט זיך:
זעהסט כאָטש, זעהסט כאָטש! בעפאַלען מיט אַ מעסער אין רוקען
ווי גויים־נוקמים און כ'שטאַרב אָהן אַ תיקון. („מיין היים", זייט 79).

האָט איהר אַ סך אַזעלכע מייסטערהאַפטע שורות אין דער אידישער ליטעראַטור?

דאָס בוך איז פול מיט שטילען צער, מיט שטיינער פון היינטיגען אידישען לעבען אין פוילען, מיט צאַרטען הומאָר, מיט שטרעבען צו סאָציאַלער גערעכטיגקייט, מיט גאָט־זוכעניש, מיט ליבע צו ארץ־ישראל, מיט משיח־האָפנונג, — דער גאַנצער פאַרבינגער רעגענבויגען, וואָס איז אויסגעשפרייט איבער אונזער הימעל, שוועבט איבער'ן דאָזיגען בוך,

דער צער־האומה איז דאָ אויסגעגאָסען, — דאָס ליעד פון פוילישען איד ווערט דאָ אויסגעזונגען.

און דערביי אזוי דין־נשמה'דיג, — שוין צו נשמה'דיג, ווייל וואָלט יחיאל לעהרער געגעבען אויך אַ געזונדע קאָנסטרוקציע און פאַבולע, וואָלט דאָס בוך געווען אַ שעדעווער. נאָר יחיאל לעהרער איז יונג און מען זעהט ביי איהם בולט'ע סימנים פון ענטוויקלען. זאָל ער נאָר האָבען מאַטעריעלע מעגליכקייטען, קאָן מען פון איהם ערוואַרטען גאָר גרויסעס.

נאָר אַזוי ווי עס איז, איז „מיין היים" פון יחיאל לעהרער אַ דאָקומענט. דאָס לעבען פון'ם פוילישען איד קומט דאָ צום אויסדרוק. מען שפירט דעם צייט־גייסט צווישען די שורות. עס איז דאָ רוח־הקודש, נשמה. מען ווערט איינגעגלויבטער אין דער אידישער ליטעראַטור און איהר גרויסער מיסיע, ווען מען לייענט אַזאַ בוך.

אָבער מען מוז ציטערען איבער'ן גורל פון דאָזיגען בוך. ווען אונזערע פרומע טאַטעס און מאַמעס וואָלטען געלייענט דאָס בוך, וואָלטען זיי געהאַט טרערען אין די אויגען, אָבער וועט עס צו זיי דערגרייכען? און אַ גרויסער טייל פון אונזער יונגוואַרג ווערט פערפיהרט דורך פאַלשע לאָזונגען, — וועט די יוגענט אויפנעהמען דעם רעליגיעזען ציטער און דאָס טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלע געפיהל, וואָס פלאַטערט אין דאָזיגען בוך?

דאָס בוך ענדיגט זיך מיט אַ תפילה פון דער מאַמע:

פון יעדער זייט טהיה, די שוועל נישט איבערגעטרעטען.
האָט זי געהערט „אליהו'ס" זינגען און געבעטען:
שיק אַראָב אונזער אייביגען שענעם חלום,
שיק אַראָב. זאָל ער נעביטען פרידען, שלום
די גאַנצע גרויסע וועלט דיינע. פאָלק ביי פאָלק. לאַנד ביי לאַנד
און ביז ער וועט קומען, — מיט'ן איילבירט־צווייגעל אין האַנט
אויף דעם גרויען קליינעם אייזעלע צו רייטען, —
ביז דאַן, — זיי דו אונזער שוץ אין די ביטערע צייטען!

ווייל די וואַסערן טרייבען שוין ביז איבער'ן האַלז
ווייל דאָס לעבען האָט מיך פערשעהמט און דו ביסט אַלץ, אַל·
וואָס ס'איז מיר נאָך פערבליבען. שענק געזונט, פרנסה און פריי
די קינדער מיינע, וואו זיי זענען נעבעך ווייט צעשפּרייט
אין אַלע עקען וועלט! און דאָס לאַנד, וואו יעדעס פון זיי איז,
בענטש מיט דיין גנאָה, אַ גאָט! לאָז זיין שלום אין פּאַריז
און אין ניו־יאָרק און אין קאָלאָמביע און אין בראַזיל
און אויך מיך דאָ אין פּולען לאָז אויסלעבען שטיל
דאָס רעשט ביסעל יאָהרען מיט דעם אַלטען ביינאַנד.
לאָמיר הערען גוטע בשורות פון דעם הייליגען לאַנד,
רבינו של עולם פון דעם געליבטען לאַנד דיינעם.
און אויב ס'איז די צייט שוין, — פערזאַמעל אונז אינאיינעם
דאָרט אַהין, דאָרט אַהין, ווייל וואו דען, אויב נישט אַהין?
זי איז ארויס פון צימער. דער שטילער ערב־באַגין
האָט זי איינגעהילט צאַרט אין זיין טיף־בלויען סוד. („מיין היים", ז. 134.)

האָט איהר אַ סך אַזעלכע שורות אין דער נייער אידישער ליטעראַטור?

מאַכט עס נישט דעם איינדרוק, אַז אין יחיאל לעהרער לעבט די נשמה פון אַ שרה בת טובים, וואָס זינגט אויס איהרע האַרציגע תחינות? פון אַן אַלטען פרומען פאַרצייטישען פיוט?

אַזאַ פאָלקס־חן איז אויסגעגאָסען אויפ'ן דאָזיגען בוך, אַ שטילער חן, אַן אידעלער פאַטאָס, — אַ נשועב פון אמונה און בטחון.

און עס ווילט זיך האָפען, אַז די יחידי־סגולה, וואָס זענען עמפּפינדליך אויף אַ צאַרט דיכטער־וואָרט, — וואו זיי זאָלען נישט זיין, — אין פּאַריז און אין ניו־יאָרק, אין קאָלאָמביע און אין בראַזיליען, און אויך אין הייליגען לאַנד, — וועלען לייענען דאָס בוך, און אויפנעהמען דאָס ליעד פון פוילישען איד.

דער מאָמענט № 18 פרייטאָג, 21־טער יאַנואַר, 1938.

מענשען און ווערק

פרייטאָג־בלאַט פאַר ליטעראַטור,
טעאַטער און קולטור־ענינים ◆ ◆

הלל צייטלין

אָט אַזוי דאַרף מען זעהן יודען!

(צום ערשיינען פון יחיאל לעהרער'ס בוך „מיין היים")

קאַבצאַנסק און גלופּסק און טונעיאַדעווקע און מאַזעפּעווקע און יעהופּעץ און ווי זיי הייסען דאָרט די אַלע שטעדטלעך, וואָס דאָס קינסטלערישע אויג פון מענדעלי מוכר־ספרים און שלום־עליכם האָבען ענטפּלעקט פאַר דער וועלט, — וואָס זעהט איהר אין זיי אייגענטליך? דלות און דלות און נאָך אַמאָל דלות. „פינסטערער דלות", „העסליכער דלות", „כּפול־שמונה'דיגער דלות", „עס פייפט דער דלות", „עס יאָגט דער דלות", „אַנ'אָרימאַן נעבעך", „גאָר אַ גרויסער אָרימאַן", „אַ יוד אַ אביון" און אַזוי כּסדר. צום דלות קומען צו אַלערליי אַנדערע אַנשיקענישען: קרענק, וועהטאַגען, כאַפּערס, קליינע קינדער אין די ווייטע סטעפּעס פערשיקטע צו די „דאָרזשקעס" אויף צו פאַרבערייטען זיי צו „ניקאָלאַיעווסקע סלוזשבע", דאַן געהט אַ סדרה מוסרים און „בעלי־טובות" פון כּל המינים מיט „אוריאַדניקעס" און „סטאַנאָוואָי־ פּריסטאַוועס", און „איספּראַווניקעס", וואָס העלפען זיי. און איבער אַלץ און איבער אַלעמען — דומהייט און הילפלאָזיגקייט און פינסטערע בטלנות. אין אַלגעמיין: ווינד און שטויב און אונגליק.

מענדעלי שטראָפט און בייסט; שלום־עליכם לאַכט און גלעט. זעהען זעהען זיי ביידע — איינס און דאָס זעלבע. עס איז געענדערט געוואָרען נור די בעציהונג צום געזעהענעם: מענדעלי וויל לערנען דעם לעזער, וואָרנען, אויפריכטען, העלפען איהם צו אָריענטירען זיך אינ'ם אַלעם אָרומיגען און צו אָנשטרענגען זיינע כּחות אויף צו אויסבעסערן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך אויסבעסערן. שלום־עליכם, דאַגעגען, איז מעהר נישט אויסען ווי צו געבען קינסטלעריש דאָס, וואָס איז פאַרהאַן. אָט אַזוי זעה איך אייער לעבען און טהוט איך דערמיט, וואָס איהר ווילט. נישט מיין באָבעס דאַגה.

די פּיידע גייסטער — מענדעלי און שלום-עליכם — האָבן צייטנווייז געזעהן אויך עטוואָס הייליגעס, שענעס, ריינעס און דערפרעהענדעס אינ'ם יודישן לעבן (מענדעלים „רבי שלמה״, רבי אברהם אין „עמק הבכא״ א. א.; שלום-עליכם'ס פּאָזיטיווע טיפּן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וכו'). די אַלגעמיינע פאַרב פון זייער מאָלעריי איז אָבער — שוואַרץ. ביי שלום-עליכמ'ן קומען אַריין אַמאָל אויך העלע פאַרבן (ווען ער מאָלט קינדהייט און הוליע-קבצן); אויף אַט די העלע פאַרבן לעגן זיך אָבער אויך שוואַרצע שאָטענס.

י״ל פּרץ האָט אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן אויך געפּרובט געהן אין די וועגן פון מענדעלי און שלום-עליכם. זיין קינסטלערישער געניוס האָט איהם אָבער אויך דאַן אָבגעהיט פון איבערטרייבונגען, פון משפּילישער מוסר-זאָגעריי און פון שוואַרץ-זעהעריי. מיט דער צייט ווערט י״ל פּרץ אינגאַנצן בעפרייט פון דער מענדעלי-שלום-עליכם-טראַדיציע און הויבט-אָן צו בעזינגען דאָס אויסגעלאַכטע חסידות און דאָס אַזוי בייסיג בעשטראָפטע „בטלנות״. שפּעטער קומען איינס נאָך דאָס צווייטע: „מקובלים״, „צווישן צוויי בערג״, „גלגול פון אַ ניגון״ א. א. און דאַן — רבי שלמה פון דער „גאָלדענער קייט״.

י״ל פּרץ מוז אָבער אָנקומען ביי זיין בעזינגען דעם אַלט-יודישן לעבענס-שטייגער נור צו אויסנאַהמס-טיפּן: צו מקובלים, צו גרויסע רביים, צו גרויסע דיכטערישע נאַטורען, וכו. קומט נאָכהער שלום-אַש און בעווייזט אין זיין „שטעטעל״, אַז אום צו זעהן דאָס ליכט פונ'ם אַלט יודישן לעבענס-שטייגער בעדאַרף מען גאָרנישט צו געהן דווקא אין מרחקים, מען בעדאַרף גאָרנישט דערצו שעפּן בעגייסטערונג דווקא אין די קדושים פון מיטעלאַלטער (ווי פּרץ אין זיינע „פאָלקסטימליכע געשיכטען״) און מען דאַרף דערצו גאָרנישט האָבן דווקא דעם רבי'ן פון ביאַלע און דעם בריסקער רב (ווי פּרץ אין זיינע „צווישן צוויי בערג״), ווייל איהר האָט עס איינפאַך אַרום זיך. איהר זעהט עס נישט? אַט וועל איך עס בעווייזען, עפענט נור אויף אַ ביסעל אייערע אויגען וועט איהר עס גלייך דערזעהן.

אַלע שפּעטערדיגע שאַפונגען פונ'ם יודישן שטעטעל, אַרום שטעטעל און וועגן דעם שטעטעל, סיי די, וואָס שלום אַש אַליין האָט געשאַפן, סיי די, וואָס אַנדערע האָבן געשאַפן, וואַקלען זיך שטענדיג צווישן מענדעלי און שלום-עליכם פון איין זייט און פּרץ און שלום-אַש'ס „שטעטעל״ — פון דער צווייטער זייט.

מיט'ן אויפברויז פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען ביי יער אינטעליגענץ און ביי דער יוגענד און מיט דער פערשטאַרקטער טענדענץ אַלץ „עוקר מן השורש״ זיין, בעקומט די מענדעלי-שלום-עליכם - טראַדיציע, וואָס טראָגט אין זיך, צי די צוויי קינסטלער האָבן עס יאָ געוואָלט, צי זיי האָבן עס נישט געוואָלט, אַ פולע נעגאַציע פונ'ם אַלט-יודישן לעבענס-שטייגער, אַלץ מעהר חיזוק און אָנהאַלט אין דער יודישער בעלעטריסטיק און אין דער יודישער קריטיק. נאָך מעהר: שלום אַש אַליין נעהמט אויך אַוועק פון זיין „שטעטעל״ און פּרובט זוכען זיין קינסטלערישען תיקון אויף אַנדערע געביטען. אמת, אַז נישט לאַנג האַלט ער דאָרט אָן, דען זיין עכט - דיכטערישע אינטואיציע פיהרט איהם צוריק צום „שטעטעל״ און נאָך פיעל גרעסער, הייליגער און גראַנדיעזער פונ'ם שטעטעל — צום „תהלים-יוד״. אָבער אַ היבשע צייט איז שלום אַש יאָ געפאַנגען געווען ביי דעם האַלב-אינטעליגענטען המון מיט זיינע געשמאַקען.

און נאָך מעהר: די חסידישע ווערק פון י״ל פּרץ האָט די יודישע קריטיק אויסגעטייטשט ריין רעוואָלוציאָנעריש. אַזוי איז, למשל, פּרצ'ס רבי שלמה (פון דער „גאָלדענער קייט״), וואָס איז באמת נור די פערקערפּערונג פון ריינער און קאָנסעקווענטער חסידות, אויסגעטייטשט געוואָרען אַלס עקסט-רעוואָלוציאָנערער טיפּ, וואָס וויל אומוואַרפען די אַלטע פּאָליטיש-עקאָנאָמישע אָרדנונג כדי צו בויען אַ נייע אָרדנונג אויף איהר אָרט.

שפּעטער איז מען געגאַנגען נאָך ווייטער און מען האָט פערשריגען אויך פּרצ'ן, וועלכען מען האָט פריהער אַליין אויפגעהויבען, — אַלס שעדליכען ראָמאַנטיקער און „רעאַקציאָנער״.

און פון דער נעגאַציע פונ'ם אַלט-יודישן לעבענס-שטייגער איז מען אַוועק ביז צו דער פולע נעגאַציע פון יעדען יודישן, מעהר אָדער ווייניגער נאַציאָנאַלען לעבען. דער אָבגאָט פון דער נייעסטער יודישער בעלעטריסטיק איז געוואָרען בערגעלסאָן, וועלכער האָט איבערגעריסען אפילו מיט זיין אייגענער פערגאַנגענהייט און איז אַריבער צו די פערביסענסטע פיינד פון יודען און יודענטום — צו די יעווסעקן.

און אפילו יענע יודישע בעלעטריסטן, וואָס זענען נישט אַזוי ווייט אַוועק ווי בערגעלסאָן, און אפילו די בעלעטריסטן, וואָס האָבן נאָך געהאַט געוויסע סענטימענטן פאַר דער גרויסער יודישער פערגאַנגענהייט, זענען דאָך אויך מעהר געגאַנגען אויף דעם וועג פון נעגאַציע, וואָס איז אויסגעטראָטן געוואָרען דורך מענדעלי מוכר-ספרים, אַריבערגעגאַנגען זייער רבי'ן אין שלילה, — איידער אינ'ם וועג פון פּרץ און שלום אַש.

אין אַזאַ צייט און ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז דאָס ערשיינען פון אַזאַ פּאָעמע ווי „מיין היים״ (וואַרשאַ 1937—38) פון יחיאל לעהרער אַ געשעהעניש נישט נאָר אין ליטעראַרישן נאָר אויך אין געזעלשאַפטליכען זין. פון שלום אַש'ס „שטעטעל״ אָן איז נאָך אַזאַ ווערק נישט געשריבען געוואָרען, כאָטש עס פעהלט אָט דעם ווערק די פולקאָמענהייט פונ'ם מאָדערנעם פערז און די אָריגינאַליטעט פון דער פאָרם. ס'איז מעגליך, אַז דער אויטאָר פונ'ם ווערק, יחיאל לעהרער, האָט בכלל געטהון אַ גרויסען פעהלער דערמיט, וואָס ער האָט געשריבען זיין בוך אין פּאָעטישער פאָרם — און נישט אין פּראָזאַ. דער תוך פון דער זאַך איז אָבער אויף אַלץ מכפּר.

דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס יחיאל לעהרער אידעאַליזירט גאָרנישט דעם אַלט-יודישן לעבענס-שטייגער, ווי שלום אַש אין זיין „שטעטעל״. אדרבה! ער בעשרייבט איהם כמעט מיט אַ געוויסער איראָניע און דאָך בעקומט זיך ביי איהם אַן אַפּאָטעאָז פון אַלעם אַלטיודישען. איהר גלויבט יחיאל לעהרער'ן און איהר מוזט איהם גלויבען, ווייל איהר פיהלט אויף שריט און טריט, אַז ער זעהט ערשיינונגען גאַנץ אַנדערש, ווי עס זעהט זיי די מאָדערנע אינטעליגענץ, צי האַלב-אינטעליגענץ אונזערע, און גערעכט איז ער, יחיאל לעהרער, און נישט זיי. ער האָט געוואָלט זיין הומאָריסטיש — און דערמיט ערקלערט זיך דער טיילמאָל בדחנישער פערז זיינער און די טיילווייזע ביליגקייט פון זיינע גראַמען, וואָס וועלען נישט געפעלען ווערען די, וואָס ווילען זעהן אין אַ דיכטעריש ווערק אויך אָריגינאַליטעט פון פערז. דער הומאָר פערשווינדט ביי איהם אָבער נישט-וועלענדיגערהייד, ווען ער דערזעהט, אפילו אינ'ם טאָג-טעגליכען געראַנגעל פונ'ם יודען פאַר זיין דאַזיין — אַ קאַמף פאַר'ן אָבהיטען אַ גרויס הייליגטום, וואָס געהט איבער פון עלטערן צו קינדער אין משך פון דורות.

יחיאל לעהרער זעהט דאָס יודישע אָרימקייט נישט ווייניגער פון אַלע אַנדערע יודישע בעלעטריסטן; אויך זעהט ער די שפלות, וואָס דאָס גלות-לעבען ברענגט מיט זיך; ער זעהט אויך מיאוסע גראָבע המון-מענשען ביי יודען און נאָך פיל מיאוסע'רע און גראָבע „גבירים״; ער זעהט אויך די לעכערליכע זייטען פון אַ טייל יודישע „כלי-קודש״ וכדומה אָט דאָס אַלץ פערשווינדט אָבער ווי אַ רויך, ווען עס בעווייזט זיך נור איין שטראַהל פונ'ם אור - השכינה, וואָס רוהט אויפ'ן לעבען פונם פערפאָלגטען און דערנידריגטען יודען. ער זעהט נישט, גלייך היינע אין זיין צייט, ווי דער פּרינץ,

וואס איז אין א הונד מגולגל געווארן, ווערט שבת צוריק פרינץ וויל ביי לעהרערן, ביים קינד פון דורות חסידים, איז דער יוד אלע מאל א פרינץ — און ווערט נאר קיינמאל נישט מגולגל אין עטוואס אנדערש. שבת, ווען עס רוהט אויפן יודען די נשמה יתירה, ווערט ער נור בעקרוינט מיט א בעזונדערער עטרה, וואס די מלכה שבת שענקט איהם...

אט האנדעלט און וואנדעלט אין יחיאל לעהרערס „היים" א יוד, וואס הייסט ר' פנחסל. איזן איז ער א גאנץ געוועהנליכער אלעקסאנדרער חסיד, אן אנגעשטעלטער ביים גביר פון שטעטיל, וואס נוצט איהם אויס זעהר גראב און געמיין, א יוד אן ארימאן און א מטופל מיט קינדער, וואס וואקסען אונטער און געהן אין זייערע „פעראיינען" און לעבען זיך דארט אויס אלס ‚מארק סיסטען". אנ'ארים פינסטער לעבען. ביי מענדעלען וואלט ער געוועזט זיין נישט מעהר, ווי איינער פון קאבצאנסק, צי גלופסק. שלום-עליכם וואלט אין איהם ענטדעקט מנחם-מענדלשע שטריכען. ביי אנדערע יודישע בעלעטריסטען וואלט ער געוועזט זיין סתם א טיפ פון א יודישען לא-יצלח. ביי בערגעלסאנען וואלט ער געוועזט זיין א פינסטערער קאנטר-רעוואלוציאנער וכו. יחיאל לעהרער שטעלט איהם אונז אבער אזוי פאר באלד ביי זיין ערשטען בעקענען אונז מיט איהם, ווען ער, רבי פנחס, געהט אריין שבת נאך הבדלה צו זיין שכן:

„שטענדיג ברומט ער, דא טרויעריגס פרעהליכס
„נאר אממייסטען סתם אזוי, א שטייגער ווי א ביהן
וואס פלאטערט אין פריהלינג אהער און אהין
איבער קארשען צובליהטע, איבער רויטען מאהן,
און עס ווערט איהר נישט נמאס צו פליהען אזוי שען
די ליפען צו זוכען פון דער יונגער בלום,
און צו זינגען דערביי, צו זומען און ברומען,
כאטש וואו זענען, מ'שטיינס-געזאגט, רב פנחס'עס בלומען?
סיידען אין הימעל דעם וויטען און בריטען,
סיידען אויף שטערן, וואס בליען ווי קוויטען,
סיידען אין ווייטערע, שפעטערע צייטען,
ווען משיח בן דוד וועט קומען צו רייטען,
אויסלייז'ן ס'פאלק פון שאנד און פון שפאט,
און ס'וועט זיך צעבליען דאס מלכות פון גאט".

און אט זעהען מיר שפעטער דעמזעלבען רבי פנחס'ל ביי א מלוה-מלכה מיט נאך שטיבעל-יודען:

„פאר איהם ליגט דער ספר, דער „ישמח ישראל".
פון מיטעל'ן אלעקסאנדרערער, זיין רבין אמאל,
ער זעהט איהם איצט נאך און הערט נאך זיין שטים
א בליכער, גלאטער, שוועבענדיגער— א מלאך אלקים,
און דאס ספר, וואס מעהר ער איז מעיין אין איהם,
מעהר געפינט ער אהבה, יראה, צעבראכען געמיט,
און איבער אלץ און אלעם די ליבע צום יוד,
מיט די פריידיגע יסורים, וואס אט די ליבע ברענגט,
דער אויפגעהויבענער בליק צו די הימלען פארבענקט,
די מינוט פון התגלות, אזוי ווייס צעהעלט,
ווען א שיר-השירים-ליעד איז די גאנצע וועלט:
דער הארבסט איז פערביי און דורך דער קלארער שויב
קומט פריהלינג אריין און עס ווארקעט די טויב;
א רגע איז די וועלט אזוי ראז, אזוי בלא,
אז קיין שלעכטס איז נישטא און קיין טויט איז נישטא;
יעדעס ווארט ווערט איבעריג און יעדער קלאנג,
נור שווייגען, נור הערען דער וועלטס-געזאנג,
ווי עס פרעהט זיך מיט זיין גורל דער איינזאמער שטיין,
דערפיהלט גאט אין זיך און איז מעהר נישט אליין,
ווער קען ריידען און וואס רעדען אין אזא מינוט,
סיידען פלאפלען ווי א קינד, וואס רעדט נאך נישט גוט...
א, דו גיסט ערד, דו גיסט הימעל,
גאט מיינער ליבער!"

אט אזא צוגאנג האט יחיאל לעהרער צו אלע זיינע ארומיגע אין זיין „היים". זיי זעגען אלע מיט א העכערע ליכט בעגאסען. ווען זיי ליידען ליידען זיי נישט אליין, נור עס רעדט ארויס פון זיי דאס ליידען פון דורות און דורי-דורות. ווען זיי פרעהען זיך — פרעהען זיך גאנצע וועלטען מיט זיי. ווען זיי זענען פערטראגען און פעריאגט אין דאגת הפרנסה שוועבט דאך ארום זיי עטוואס, וואס איז פיעל העכער ווי זארג פאר'ן טאג-טעגליכען לעבען. ווען זיי זענען געפאלען, שוואך און זינדיג — וויסען זיי אבער, אז זיי זענען פון וועג אראפ און מוזען וואס פריהער צום וועג צוריק קעהרען. א שטראהל ליכט פון דער ווייטער פערגאנגענהייט מיט א ליכטשטראהל פון דער ווייטער צוקונפטסזון — שיינען גלייך אריין אין זייערע ארימע וואוינונגען. זיי ווערען אויסגעריסען, געיאגט, געפלאגט, פון אלעמען פערפלאגט. זיי פאלען אבער דאך קיינמאל נישט אריין אין שטומען יאוש. די האפנונג בעלעבט זיי, די האפנונג בעפליגעלט זיי. זיי לעבען אין גאולה-ספערען און אטעמען מיט משיח-לופט...

יזכור!

ש. יחסן מיאמי־פלאָרידא

זאָלסט געדענקן זאָלסט זיך דערמאָנען זאָלסט נישט פארגעסן. װאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אָט דער טערמין װער װעמען װיל דערמאָנען, די טויטע די לעבעדיקע, אָדער פארקערט, און װאָס קומט שוין ארויס אז מ׳דערמאָנט זיך װעמען װערט דערפון גרינגער אויפן הארצן?

שװער צו ענטפֿערן אויף אָט דער פראגע. גרינגער איז צו ענטפערן װען מײן 10־יעריג בחורל האָט מיר געפרעגט; טאטע װי אלט איז ״יזכור?״ דוכט מיר אז יזכור איז אזוי אלט װי כל נדרי – װי די הגדה של פסח װי רות – װי איכה ישבה. מיט אײן װאָרט יזכור איז אזוי אלט װי די ײדישע געשיכטע און דאָך פלעגט מען אמאָל אײן געװיסע קרײזן זיך שעמען מיטן טערמין יזכור שעמען איז מילד גערײדט מקאָן זאָגן אויסלאכן. מהאָט געזאָגט מעמאָריאָל מיטינג טרויער אָװנט אָבער נישט ״יזכור״. עס האָט געדארפט קומען די היטלער־עפּאָכע מיט די גאז קאמערן, די ערד האָט פריער געדארפט אײנשלינגען זעקס מיליאָן פון אונזערע בעסטע ײדן, אז אלע שיכטן פון אונזער פאָלק, זאָלן שוין הײנט נוצן אָט דעם נישט פרײליכן טערמין ״יזכור״.

– – זאָגן מיר הײנט יזכור באװײנען מיר אונזערע 6 מיליאָן קדושים. מיר געדענקען זײ מיר דערמאָנען זײ. ״יזכור״ דערמאָן איך זיך אין א זשעלעכאָװער פרוי אײנע פון יענע 6 מיליאָן, װאָס איז אומגעקומען על קידוש השם. זי האָט געהײסן חנה ישראל מאירס.

״יזכור״ איך געדענק דאָס יאָר 1929 װארשע, װאו איך האָב בא־געגנט צום ערשטן מאָל חנה ישראל מאירס אָט שטײט זי פאר מײנע אויגן, אָט זיצט זי בײ מײן שװער אין הויז אויף מילע גאס נומער 55, און צו זיצן בײ אײן טיש מיט אזא תלמיד חכם װי ס׳איז געװען ר״ זלמן קלעפפיש האָט מען אלײן געדארפט עפעס באזיצן. דער ײד האָט געקאָנט רײדן מיט אלעמען און פון אלצדינג מיט א רב־פון קבלה, להבדיל מיט א גלח ־פון טעאָלאָגיע מיט דיפלאָמאטן־פון פאָליטיק מיט זשורנאליסטן־פון ליטעראטור פון מוזיק פילאָסאָפיע אסטראָנאָמיע אפילו מיט גע־נעראלן פון מלחמה, און אויף אלע געביטן האָט ער ארויסגעװיזן אזוי פיל חכמה אזויפיל װיסן אז אין װארשע האָט מען אים גערופן, אנשטאט ר״ זלמן שוחט ר״ זלמעלע גאון.

איז אָט בײ דעם ײדנס טיש האָט חנה ישראל מאירס אָפט פארבראכט און זיך נישט פארלוירן פארקערט דער תלמיד חכם ר״ זלמן, האָט שטארק אָנגעקװאָלן פון אירע פאָלקסטימליכע חכמעלעך.

״יזכור״ אָט זיצט זי און עסט װיעטשערע, סקלײנע קופקעלע שײנט מאיעסטעטיש אראָפ פון איר קאָפ און ס׳שיטן זיך פערל פון איר מויל, נאָך א גלײכװערטל, נאָך א װיץ, נאָך א חכמעלע־ס׳שפריצט װי פון א פאָנטאַן מיט לעבעדיקײט ס׳דאכט זיך אז דאָס קופקעלע באװײזט כישוף. א װאונק מיטן אויג, א קנײטש מיטן שטערן באגלײט מיט א שמײכעלע, א זשעסט מיט דער האַנד אויפהײבנדיק די גלאָז טײ לחיים ר״ זלמן.

האָט די פרוי װאָס האָט אפילו ניט געקאָנט איר נאָמען אונטער־שרײבן, מיט איר 70 יאָר אויף די אלטע פלײצעס ארויסגעװיזן אזויפיל חכמה אזויפיל פארשטענדעניש, אזויפיל טאקט, אזויפיל אײדלקײט, אזוי פיל פראָסטן װיסן, אז זי האָט געלאָזט אומדירעקט װיסן ר״ זלמן, מקאָן זײן ניט קײן געלערנטע פרוי און דאָך אסך װיסן, זי האָט מיט

איר האלטונג געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די אנוועזענדע, צווישן זיי דער פארשטאָרבענער אין ישראל, יואישזאָן־איטשעלע, דער פייערדיקער זשורנאליסט פון ווארשאווער היינט.

און אז ר״זלמן האָט זיך שוין שלום עליכםדיק צעלאכט איז דאָס געווען אן אטעסטאט איר זיינט אן אונזעריקע... חנה ישראל מאירס. זי די ״בעזגראמאָטנע״ פרוי האָט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען און איז געוואָרן אן אָפטער בני בית ביי מיין שווער אין הויז.

״יזכור״ איך געדענק א באגעגעניש מיט דער פרוי אויף דזשיקע גאס אָט גייט זי מיט פעסטע טריט, דעם קאָפ אינדערהויך און דאָס קופקעלע מיט אימיטאציע ברילאיאנטן אויפן קאָפ האָט איר געמאכט אויסזען ווי א יידישע קעניגן, אָט שפאצירט די 70 יעריגע פרוי און רופט ארויס רעספעקט מיט איר גאנג.

מדערציילט אז נאָמבערג ווען ער האָט געטאנצט אין די פאריזער סאלונען האָט ער געלאָזט הערן פון זיך מיט זיין טאנצן: מאכט א ווארען דאָס טאנצט נישט קיין אנדערער ווי איך. נאָמבערג. איך וואָס וועל די וועלט איבעראשן מיט מיין גרויס ווערק. איך טאנץ...

אָט מיט אזא ווירדע, איז געגאנגען חנה ישראל מאירס איבער ווארשע אין איר גאנג האָט זיך געפילט ווי י.ל. פרץ האָט געזאָגט: אָט אזוי גייען מיר זינגענדיק טאנצענדיק שבתדיק, יוםטובדיק. חנה ישראל מאירס איז געגאנגען זינגענדיק יוםטובדיק, מיט פעסטע טריט איבער איר ווארשע, דאָ בין איך געבוירן, דאָ וועל איך פארענדיקן מיין לעבן... און מיר בעטן נישט, און מיר בעטלען נישט, מיר גרויסע שטאָלצע יידן. (י.ל. פרץ)

חנה ישראל מאירס איז געווען פון יענע שטאָלצע פרצס יידן, האָט קיינמאָל נישט געבעטן פון אירע קינדער אין אמעריקא מזאָל איר מיט עפעס העלפן.

״יזכור״ איך געדענק אירע ווערטער מיסטער יחסן, איר זיינט דאָך מיין אסתושקעלעס (אסתר קיעווסקי) בעסטער פריינט, זאָגט דאָרט מיין טעכטערל אז איך וויל פון איר גאָרניט און איך בין שוין צו אלט צו קומען קיין אמעריקא אָנהייבן א ניי לעבן.

״יזכור״ איך געדענק מיין לעצטע באגעגעניש, מיין געזעגנען זיך מיט חנה ישראל מאירס, איך באגעגן איר אויף באָנ׳פראטערסקא נומער 17 אין זאיאזד, וואו דער גרויסער זשעלעכאָווער וואָגן איז שוין געשטאנען איינגעשפאנט, אוועקצופאָרן. חנה באפרייט זיך פון די צוויי שווערע פעקלעך סחורה, וואָס זי האָט אויף אירע אלטע פלייצעס קוים געשלעפט, דער בעל־עגלה שרייט: חנה ישראל מאירס, די פערד זיינען שוין איינגעשפאנט, מגייט שוין פאָרן. גאים נישט אוועק, חנה א מאך געבנדיק מיט דער האנט, ענטפערט וועסט ווארטן. מיר גייען אריין טרינקען א גלעזל טיי א מינוט שווייגן און זי צערייסט זיך און איך באמערק א טרער קייקלט זיך איבערן היפש צעקנייטשטן פנים און ווערט פארגליווערט אין די ווינקלען פון מויל וואָס האָט האלב געשמייכלט. זי ריידט ווייטער דער כוס פון ביטערקייט איז אָפט געווען פול אין מיין לעבן, איז נישט געווען קיין צוקערקעלע, דער שכל הישר זאָגט מיר, אז פאָרן צו מיין טעכטערל, קאָן איך נאָך אמאָל שווערער מאכן איר לעבן. סאיז דאָך אמעריקא, זאָגט דאָרט מיין אסתושקעלען, אז מיין גאנצע טרייסט אין לעבן, איז צו הערן גוטע בשורות פון איר, זאָגט שאָלעקן, ער זאָל דאָרט גוט אכטונג געבן אויף מיין איינציק טעכטערל מיין אויג אין קאָפ דאָס וועט זיין מיין נחת. איך בין שוין צו אלט אָנצופאנגען א ניי לעבן, דאָ איז מיין וויגעלע

פארזעצונג אויף זייט 28

איך וועל מיין גאנצן לעבן פילן דעם
שרעקליכן פארלוסט .
לייביש



גוסטל ווייסלעדער
מיט איר [illegible]



רחלע ווייסלעדער
מיט איר מוטער
סאבע ווייסלעדער



רחלע ווייסלעדער מיט איר באבן
ברכה פירשטענבערג.



פעלא פירשטענבערג

אווירדיקער אנדענק

ישראל־בירגערשאַפט פאַר 6 מיליאָן היטלער־קרבנות און די ענציקלאָפּעדיע פון גלותן

פון א. וואלף־יאסני

על פי צופאַל, — אָבער פאָרט סימבאָליש — זענען צום 12־טן יאָרטאָג פונעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געבוירן געוואָרן אין ישראל צוויי פּראָיעקטן ווי אַזוי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות פון דער היטלער־אינוואַזיע אין אייראָפּע. איין פּראָיעקט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער טריבונע פון 23־סטן ציוניסטישן קאָנגרעס: צו געבן די אומגעקומענע ערן־בירגערשאַפט אין ישראל. דער צווייטער איז פאַרטראַכט געוואָרן דורך דעם אומדערמידלעכן יצחק גרינבוים: אַרויסצוגעבן אַן ענציקלאָפּעדיע פון גלותן (אנציקלופדיה של גלויות), וואָס זאָל אין דער ערשטער ריי זיין געווידמעט די קהלות וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך דער היטלערישער חיה.

ביידע פּראָיעקטן פאַרדינען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ברייטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ישראל און אין חו״ל, אָן וועמענס מיטהילף און מיטווירקונג מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן זייער פאַרווירקלעכונג. אין דעם איצטיקן אַרטיקל וועלן מיר פּרוּוון אַרומרעדן בפרטיות ווי אַזוי עס דאַרף געגעבן ווערן אַ ממשותדיקע פאָרם הן דער שאַפונג פון אַ יזכור־פּנקס (דאָס בוך פון ערן־בירגערשאַפט) פאַר די זעקס מיליאָן קדושים, הן דער ענציקלאָפּעדישער רעם פונעם געשיכטלעכן לעבן און אומקום פון זייערע קהילות און ישובים.

לויטן פאָרשלאַג וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן 23־סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, דאַרפן משפּחה־מיטגלידער פון די אומגעקומענע ווענדן זיך צו די אָרטיקע ישראל־קאָנסולאַטן, אַז זייערע אומגעקומענע קרובים זאָל געגעבן ווערן די ישראל־בירגערשאַפט. דער פאָרשלאַגגעבער האָט זיך, ווייזט אויס, נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, אַז הונדערטער טויזנטער משפּחות זענען אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן און אַ סך פון זיי האָבן נישט איבערגעלאָזן פון זיך קיין שום צווייגל. פון אַ סך אומגעקומענע משפּחות זענען געבליבן ווייטע קרובים אין די לענדער וואו די מערדער־האַנט האָט נישט דערגרייכט. אָבער אַזעלכע קרובים וועלן זייער אָפט נישט זיין אומשטאַנד אויפצוגעבן פולע ריכטיקע ידיעות פון זייערע אומגעקומענע משפּחה־מענטשן. דאָס צונויפזאַמלען די רשימות (געבורט, וואוין־אָרט, אומקום) פון די 6 מיליאָן אומגעקומענע יידן איז דעריבער פאַרבונדן מיט אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַקציע און טיילווייז אויך מיט אַ פאָרשערישער אַרבעט.

מיטן בירגערשאַפט־פּראָיעקט דאַרפן פאַראינטערעסירט ווערן ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות. עס איז נויטיק אַ קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, בעיקר לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע, וואָס האָבן שוין אַ סך אויפגעטאָן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייערע פאַרפייניקטע בני־עיר. אָבער די געזעלשאַפטלעכע אַקציע אַליין איז נישט גענוג צוליב די אויבן אָנגעוויזענע טעמים.

כדי אַריינצוברענגען די 6 מיליאָן היטלער־קרבנות אין דעם קאַטאַסטער פון דער ישראל־בירגערשאַפט מוז מען אויך אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע היסטאָרישע פאָרש־אינסטיטוציעס. ספּעציעל מיט די, וואָס זענען אַנטשטאַנען נאָך דער מלחמה צו פאָרשן און דאָקומענטירן די היטלערישע יידן־אויסראָטונג און ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין ישראל האָבן מיר אַזאַ אינסטיטוציע — „בית לוחמי הגטאות למורשת השואה והמרד ע״ש יצחק קצנלסון“, אין פראַנקרייך —

דער דאָקומענטאַציע־צענטער, אין פוילן — דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט און אין אַמעריקע איז פאַראַן, אַ חוץ „ייוואָ“, אַ גאַנצער ריי יידישע פאָרש־ און דאָקומענטאַציע אינסטיטוטן.

די' אַלע פאָרש־אינסטיטוציעס, ספּעציעל דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אי'ן פוילן פאַרמאָגן הונדערטער, הונדערטער רשימות פון אַרויסגעשיקטע אין טויט־און קאָנצענטראַציע־לאַגערן („אויסזידלונגען“). די רשימות זענען געמאַכט געוואָרן פון יודנראַט־באַאַמטע, אויפן באַפעל פון דער דייטשער מאַכט פאַרן אַרויסשיקן אי'ן די טויט־לאַגערן. פאַראַן אויך רשימות, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די לאַגערן גופא.

פאַר אַ פולער קאָמפּלעטירונג פון די 6 מיליאָן נעמען וועט מען אויך מוזן אָנקומען צו דער רייכער שוין פאַרעפנטלעכטער ליטעראַטור פון זכרונות־בי'כער און נישט פאַרעפנטלעכטע טויזנטער גבית־עדות, וואָס ליגן נאָך אין די אַקטן פון די היסטאָרישע אינסטיטוטן און דאָקומענטאַציע־צענטערס.

ווי מיר זעען, אי'ז די פאַרווירקלעכונג פונעם פאָרשלאַג צו געבן ישראל־בירגערשאַפט נישט אַזוי פשוט און נישט אַזוי לייכט. כדי דער פּראָיעקט זאָל נישט בלייבן אויפן פאַפּיר, מוז געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע פון מומחים און מענטשן, וואָס זאָלן זיך מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט ווידמען דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט. די שאַפונג פון אַזאַ אינסטיטוציע איז, אגב, אויך פאַרבונדן מי'טן צווייטן פּראָיעקט — די „אנציקלופדיה של גלויות“.

*

„אנציקלופדיה של גלויות“ וועט זיין עפּעס גאָר באַזונדער יידישס. די ציוויליזירטע פעלקער פאַרמאָגן געאָגראַפישע ווערטער־בי'כער, ביאָגראַפישע ווערטער־ביכער, וואָס זענען ענציקלאָפּעדיש אויפגעשטעלט. קיין יידישע געאָגראַפישע ווערטער־ביכער האָבן יידן נישט געדאַרפט. פאַר דער געאָגראַפיע האָבן געזאָרגט אַנדערע. מיר האָבן זיך באַגנוגנט מיט נאָטירן „פון דער זייט“ אונדזער זיין דאָרט אין געוויסע לענדער. די ענציקלאָפּעדיע פון גלותן וועט אָבער זיין אַ מין היסטאָריש־געאָגראַפיש ווערטער־בוך, וואָס וועט אין זיך איינשליסן אונדזער אויפגאַנג, זיין און אונטערגאַנג אויף פרעמדער ערד. אַ מצבה־בוך פון אַ ריזיקן פאַרנעם צום אָנדענק פון העכער 600 אויסגעראָטענע קהילות פון פוילן און הונדערטער, הונדערטער קהלות פון פאַרשידענע לענדער.

ווי אַזוי' וועלן מיר מחיה־מתים זיין אָט דאָס טראַגיש אָפגעמעקטע פאַרצווייגטע לעבן? מיר האָבן נישט קיין גענויעם באַריכט, וואָס עס איז גערעדט געוואָרן אויף דער פרעסע־קאָנפערענץ אין ירושלים. פון די צייטונגס־ידיעות ווייסן מיר, אַז עס אי'ז פּראָיעקטירט איבערצוגעבן אַ ריי מומחים זיי זאָלן צונויפשטעלן מאָנאָגראַפיעס פון די באַזונדערע קהילות. אוודאי דאַרפן אין אַן ענציקלאָפּעדיע מיטאַרבעטן וויסנשאַפטלער, מומחים אין די געגעבענע וויסנשאַפט־צווייגן, אָבער די' גרעסטע מומחים וועלן זיך אין דער אַרבעט אָנשטויסן אויף אַזעלכע מניעות, וואָס קאָנען צונישט מאַכן די שטאַרקסטע אָנשטרענגונגען.

לאָמיר נעמען ווי אַ ביישפּיל פוילן. פאַר דער אויספאָרשונג פון דער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט און פון לעבן (איצט אויך שוין געשיכטע) פון די' איינצלנע יידישע קהילות אין פוילן איז ווייניק וואָס געטאָן געוואָרן. די צאָל וויסנשאַפטלעכע מאָנאָגראַפיעס פון איינצלנע קהילות קאָן מען אָנציילן אויף די פינגער פון צוויי הענט.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די „יידישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט“, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען ש. דובנאָוו, אָרגאַניזירט אַ פאָרש־עקספּעדיציע איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד, אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט ש. אנסקי. די איינציקע מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרבליבן פון דער פאָרשונגס־אַרבעט איז די' בראָשירטע, געדרוקטע אַנקעטע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן ש. אַנסקי. מער ערנסטע אַרבעט אויף דעם געביט באַווייזט זיך מיטן אַנטשטיין פון ייוו“אָ אין ווילנע. די יונגע היסטאָריקער, וואָס האָבן זי'ך גרופּירט אַרום „ייוואָ“, ד“ר פיליפּ פרידמאַן, ד“ר רפאל מאַהלער, ד“ר י. שיפער, ד“ר עמנואל רינגעלבלום. י. טרונק, אויך פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן א. אַנד. האָבן געפאָרשט די געשיכטלעכע פאַרגאַנגענהייט פון די יידן אין פוילן און פאַרעפנטלעכט איי'ניקע מאָנאָגראַפיעס, וואָס זענען בעיקר נוגע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, איינגעשלאָסן אויך דאָס 19־טע יאָרהונדערט. דאָס פיל פאַרצווייגטע, פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון יידישע ישובים אין פוילן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביז דער קאַטאַ־

זשעלעכאָװער יזכור אָװנט

פרײנט שלום אָשלאק פון אױסטראליען שרײבט : אונזער יזכור־אָװנט קומט פאָר זונטאָג דעם 28טן אָקטאָבער אין קלײנעם קדימה זאל, מיט פאָלגענדן פראָגראם.

ערשטער טײל

מעריב דאװנען, קדיש בציבור, א פרק משניות און אל מלא רחמים.

צװײטער טײל

פרעזידענט מ.ראָטפארב װעט אָנפירן מיטן אָװנט.

יחיאל טײלאָר װעט לײענען פרײנסקיס 4טע מתנה.

נײשטעטער װעט לײענען קאצענעלסאָנס ״מײן אױסגעהרגעט פאָלק״

גדליה אָשלאק װעט לײענען זײן טאָכטערס, זײער א גוטע ארבעט אין װעלכע זי שטעלט זיך פאָר אלס געטאָ־קינד, מיט אלע שױדערליכע איבערלעבונגען, פאר אָט די ארבעט האָט זי באקומען פון א פראָפעסאָר זשורי אן אױסצײכנונג, דעם ערשטן פרײז און די פרעסע האָט פיל געשריבן װעגן איר.

ה.באָרענשטײן װעט לײענען 2 קאפּיטלעך פון פאסס בוך ״אש און פײער.

שלום אָשלאק װעט לײענען געקליבענע זאכן פון סוצקעװערס ״װילנער געטאָ.

ש.האָכגעלערנטער און פראדל װעלן דערצײלן זײערע איבערלעבונגען אין די געטאָ און אין די פּאַרטיזאנער, דער אָװנט װעט זיך ענדיקן מיטן פארטיזאנער ליד און התקוה.

פרײנט מרדכי אײשטוב, סעקרעטאר פון די זשעלעכאָװער אין ישראל שרײבט : מיר האָבן נאָך נישט באשטימט גענױ דעם טאָג פון אונזער יזכור אָװנט, מיר װעלן אָבער אינגיכן באשטימען און אײך לאָזן װיסן.

זכור

געדענק װאָס עס האָט געטאָן מיט דײן פאָלק דער דײטשער נאַצי־עמלק.

געדענק

די זעקס מיליאָן אידען, װאָס זײנען אומגעקומען על קדוש־השם און על קדוש העם דורך די הענט פון די דײטשע רוצחים תליונים.

געדענק טרעבלינקע.
געדענק מאַידאַנעק.
געדענק אױשװיץ.
געדענק בוכענװאַלד.
געדענק דאַכאַו.
געדענק די גאַז־קאַמערן.
געדענק די קרעמאַטאָריעס.

יזכור

6,000,000

(דער דאָזיגער פליטים־טאָװעל איז געהאַנגען אין אַלע אידישע פליטים־לאַגערן אין אײראָפּע).

געדרוקט אין ״טאָג״

פאראייניקטער קאארדינער-קאמיטעט פון גארוואלינער קרייז. וועלכער
נעמט ארום די שטעטלעך: קאצק, זשעלעכאוו, גארוואלין, לאסקעראוו,
סאבאלעוו, מאטשעוועץ, פאריסאוו, ריקע און אומגעגנט, פארן הייאריקן

יזכור-אוונט אין פאריז.

---

9 יאר זענען אוועק זייט דעם גרויסן חורבן, וואס האט געטראפן די איבערגעבליבענע און אויסגעמוטשעטע יידן פון גארוואלינער קרייז, וועלכע זענען אויסגעזידלט און אומגעבראכט געווארן אין טרעבלינקע, מאידאנעק און אין אוישוויץ.

ביי יעדערן פון אונדז איז די וואך פון הושענה-רבה איינגעקריצט טיף אין הארצן און האט איבערגעלט א גרויסע ווונד.

דאס טראגישע אומקום פון אונדזער עדה הקדושה, פון אונדזערע טייערע עלטערן, ברידער, שוועסטער און ווייטערע פאמיליע,

דאס פארשווינדן פון איבער 60 טויזנט נפשות פון די אויבנדערמאנטע שטעטלעך, פון אלע יידישע איינוווינער אן אונטערשייד פון זייער רעליגיעזער אדער פאליטישער איבערצייגונג,

אט די וואך פון הושענה-רבה רופט ביי אונדז ארויס געפילן פון האס און שנאה צו די מערדער פון אונדזערע משפחות און פון אומפארגעסלעכן טרויער נאך אונדזערע טייערסטע און נאענטע.

זאלן מיר אויף א ווירדיקן אופן אפמערקן, אלע צוזאמען, דעם אנדענק פון אונדזערע קדושים.

צו דעם צוועק בעטן מיר אייך קומען אויף דעם גרויסן יזכור-אוונט, וואס מיר ארדענען איין הייאר שבת דעם 20-טן אקטאבער, 8.30 אוונט אין זאל 10, רי לאנקרי, כדי צו באערן דעם אנדענקונג פון אונדזערע העלדן און מארטירער.

און זאל מיט שטאלץ און טיפער אנערקענונג פארן כבוד פון אונדזער פאלק דערהערט ווערן אונדזער פראטעסט קעגן נייע געפארן פון פאשיזם, אנטיסעמיטיזם און מענטשן-האס.

און דערמיט וועלן מיר צוזאמען אויסדריקן אונדזער גלויבן פאר פרייהייט און שלום אויף דער וועלט אין דער נאענטער און ווייטער צוקונפט.

קאארדינער-קאמיטעט פארן יזכור-אוונט
פון גארוואלינער קרייז.

SOCIÉTÉ DE SECOURS MUTUELS
KOCK-ZÉLECHOW
N° 3967
LE COMITÉ

א בלוטיקע דיסקוסיע

אין דער יידישע פרעסע איבער דער גאנצע וועלט, גייט אָן א הייסע דיסקוסיע.

דער אונטערשלאק

אין א געוויסן טאָג האָט די יידישע פרעסע איבער דער וועלט איבער געגעבן א ידיעה: דער דייטשער פארלאמענט אין באָן, האָט איינשטימיק אנערקענט די שולד פון א טייל פון דייטשן פאָלק אין באַצוג צו יידן און דערקלערט זייער גרייטקייט פאר א געוויסע ענטשעדיקונג.

איינשטימיק ־אריינרעכנענדיק די אָפן דעקלארירטע נייע נאצישע פארטיי.

אין דער דערקלערונג האָט דער פירער פון אָט דער רעגירונג, אדענאָער, דער וועלכער האָט אין זיין רעגירונג 134. געוועזענע אָנפירנדע נאצים, פון וועלכע די מערסטע פארנעמען דעם זעלבן אמט אין זיין רעגירונג, ווי זיי האָבן פארנעמען אונטער היטלערן און וועלכע זיינען דירעקט פאראנטוואָרטליך פארן טויט פון צענדליקער טויזנטער יידן (לויט דער פעסטשטעלונג פון אמעריקאנער יידישן קאָנגרעס)

האָט אדענער דערקלערט, אז נישט אלע דייטשן זיינען שולדיק אין היטלערס מעשים. און וואָס אמבעלאנגט ענטשעדיקונג, וועט מען קיין סך נישט קאָנען געבן, וויל דאָס דייטשע פאָלק איז שטארק פאראָרעמט.

צומאָרגנס נאָך דער ידיעה האָבן זיך אָנגעפאנגען באווייזן ארטיקלען פול מיט פרייד, וועגן דער "חרטה" פון דייטשן פאָלק און זיין גרייטקייט צו באצאָלן ענטשעדיקונג.

ביסלעכווייז, האָט זיך אָנגעהויבן ארויסווייזן, וואָס סאיז אונטער דעם באהאלטן.

אין צוזאמענהאַנג מיטן אריינבעטן דייטשלאנד אלס שותף אין קאמף קיגן דיקטאטור און פאר דעמאָקראטיע, איז נישט באקוועם דער בלוט־שליאך צווישן די דייטשן און יידישן פאָלק, דארף מען דעריבער אָט דעם שליאך פארווישן, איבערבעטן די יידן מיט די דייטשן און צוזאמען קעמפן פאר דעמאָקראטיע איבער דער וועלט.

כאראקטעריסטיש, אז אָנפירנדע ראָל אין אָט די פארהאנדלונגען פון דער יידישע זייט האָט ד"ר נחום גאָלדמאן, פירער פון וועלט־יידישן קאָנגרעס און פירער פון דער יידישער אגענטור, אויך זיינען די פארהאנדלונגען געפירט געוואָרן, מיטן וויסן פון דער ישראל רעגירונג, וועלכע נעמט היינט צוטאָג אן אָנטייל אין די ווייטערע פארהאנדלונגען.

עס האָט זיך אויפגעהויבן א שטארקער פראָטעסט פון די געוועזענע קרבנות פון היטלערן, צענדליקער בריף מיט פראָטעסטן קיגן וועלכן סאיז אָפמאך מיט די דייטשן, קומען אן און א טייל ווערן געדרוקט אין די יידישע פרעסע.

שטארקע ארטיקלען פון א גרויסע צאָל יידישע שרייבער מיט לייוויק אינדערשפיץ (צום באדויערן, זיינען אויך פאראן אזעלכע וועלכע פארטיידיקן אזיין אָפמאך), אין ישראל איז פאָרגעקומען א גרויסער פראָטעסט מיטינג מיט דער באטייליקונג פון אָנגעזעענע שרייבער און געזעלשאפטליכע טוער, איניקע אליין קרבנות פון היטלער מערדעריי, ווי סוצקעווער, רחל אויערבאך א.א.

אין רעזולטאט פון אָט די פראָטעסטן, האָט מען אויף גיך צונויף

גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַ רייע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קומט פאָר ווען מיר שרייבן די שורות אין ניו יאָרק, ביי פאַרמאַכטע טירן, צו פאַרהאַנדלן דעם דייטשן "אָנבאָט".

צו אָט דער קאָנפערענץ האָט אהרן צייטלין פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף אין "טאָג" פון 26טן אָקטאָבער, וועלכן מיר גיבן דאָ אינגאַנצן. צוליב זיין וויכטיקייט צו דער פראַגע בכלל, וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אין קומענדן נומער בולעטין.

אַ פּאָר ווערטער צו די דעלעגאַטען פון דער היינטיגער קאָנפערענץ וועגן פאַרהאַנדלען מיט דייטשלאַנד

(אָנשטאָט „פון פרייטאָג צו פרייטאָג")—פון **אהרן צייטלין**

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע

מיר דרוקען דעם עפענטליכען אויפרוף פון אונזער חשוב'ן מיטאַרבייטער אהרן צייטלין צו די דעלעגאַטען פון דער קאָנפערענץ פון אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרהאַנדעלט וועגן דעם, צי אידען זאָלען האַנדלען מיט דייטשלאַנד... די קאָנפערענץ איז דערעפענט געוואָרען און האַלט אָן היינט אַ גאַנצען טאָג. די פראַגע וועגען פאַרהאַנדלען מיט דייטשלאַנד האָט אויפגערודערט די גאַנצע אידישע עפענטליכע מיינונג. אין „טאָג" קומען אָן מאַסען בריוו פון לייענער, איבערהויפּט פון געוועזענע קרבנות פון היטלער'ן.

אהרן צייטלינ'ס „פון פרייטאָג צו פרייטאָג" וועט ווייטער זיך דרוקען ווי געוויינליך יעדען פרייטאָג.

צו אייך, דעלעגאַטען פון דער אסיפה, וואָס באַטראַכט אַדענאַוער'ס דעקלאַראַציע, וויל איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער:

נישט צו די פּאָליטישענס צווישען אייך וויל איך ריידען, נאָר צו יענע צווישען אייך, וואָס מען האָט זיי אַריינגענאַרט אויף דער העכסט־פּאַרדעכטיגער כאַפּ־לאַפּ־אסיפה, אַן אסיפה, וואָס איז צונויפגעשטוקעוועט געוואָרען מיט עפּעס אַ משונה'דיגער איילעניש.

איך גלויב, אַז איך רייד אין נאָמען פון פיל הונדערטער טויזענטער אידען, וואָס פילען, פּונקט ווי איך, אַז דאָ גייט מען דורכפירען כאַפּ־לאַפּ אַ שמוציגע, מורא'דיג שמוציגע אַרבייט, עפּעס, וואָס קאָן בלייבען אַ צרה אויף דורות, אַ חרפּה אויף אייביגע צייטען, אַ נאַציאָנאַלע בראָך.

גלויבט ניט, ווי גאָט איז אייך ליב, גלויבט ניט אין די טרייפע ריידעלעך פון די און יענע פּאָליטישענס. גלויבט זיי נישט, ווען זיי וועלען זיך אוועקשטעלען פאַר אייך און וועלען אַקטיאָריש פאַרגיסען זייערע טרערען אויף די זעלבע זעקס מיליאָן, וואָס זיי ווילען — מיט אייער הילף — פאַרראַטען.

קודם־כל דאַרפט איר האָבען אין זינען, אַז איידער מ'האָט אייך בהלה'דיג צונויפגערופען האָט מען שטילערהייט שוין פאַרהאַנדעלט מיט דער אַדענאַוער־רעגירונג. מען וויל נאָר, מיט פאַרשידענע דריידלעך, אַרויסבאַקומען פון אייך אַ הסכמה צו עפּעס, וואָס איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרען הינטער אייערע פּלייצעס.

מען רעדט אייך איין, אַז דאָ גייט נישט וועגען איבערבעטען זיך מיט די דייטשען, וועגען „סעטלען" דעם ענין קאַטאַסטראָפע, וועגען דורכקומען מיט די גרויליגסטע מערדער פון אייער פאָלק.

מען רעדט אייך איין, אַז דאָ גייט נאָר וועגען געלט, וועגען אַנטשעדיגונג, נישט וועגען דעם בלוט פון די זעקס מיליאָן.

אַזוי רעדט מען אייך איין. וואָס־זשע איז דער אמת?

דער אמת איז, אַז מיט'ן מאָמענט, וואָס איר וועט אָננעמען אַ פּשרה־פּראָגראַם, און מיט'ן מאָמענט, וואָס איר וועט באַפולמעכטיגען אידישע פאָרשטייער זיך צו זעצען מיט די דייטשען צו פאַרהאַנדלונגען וועגען געלט, — וועט עס די וועלט ־סיי־ווי־סיי אַנדערש ניט אויסטייטשען ווי אַן אַקט פון איבערבעטונג צווישען אידען און דייטשען.

יענע פּאָליטישענס ווילען ביי אייך פּועל'ן נאָר איינס: אַז איד און דייטש זאָלען זיך זעצען ביי איין פאַרהאַנדלונג־טיש. דאָס איבעריגע, ווייסען זיי, וועט שוין קומען ממילא.

די פּאָליטישענס ווילען אייך איינריידען, אַז מען קאָן די דייטשען איבערכיטרעווען, אַז מען קאָן כלומר'שט

מאַכען אַזוי, אַז אי מען זאָל אַרויסקריגען פון די דייטשען אַנטששריגונג, אי די וועלט זאָל עס נישט אָננעמען ווי אַן אַקט פון איבערבעטונג.

דאָס איז פונקט אַזוי מעגליך ווי אַרונטערשפּרינגען פון אַ וואָלקענקראַצער און בלייבען לעבען.

שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס אין דער אמת'ן ווילען די דייטשען קיין אַנטשעריגונג אויך ניט געבען. זיי ווילען נאָר עס זאָל הייסען פאַר דער וועלט, אַז דער ענין קאַטאַסטראָפע איז אויף אַ „פרידליכען" אופן ערליידיגט געוואָרען צווישען דעם תליון און זיין קרבן.

ווער ווייס עס נישט, אַז די דייטשען האָבען קיין רעפּאַראַציעס קיינמאָל נישט געצאָלט? האָבען נישט געצאָלט קיין רעפּאַראַציעס צו מעכטיגערע פעלקער ווי אידען. די גאַנצע אַדענאַוער־דעקלאַראַציע איז דעריבער נישט מער ווי אַ טריק. מען קאָן זי — אויף אַ מינוט אפילו — נישט נעמען ערנסט. אַז ערשט האָט דאָך די זעלבע אַדענאַוער־רעגירונג ממש וועלטען איינגעלייגט, אַז מען זאָל באַגנאַדיגען די זיבען נאַצישע אידען־מערדער מיט דעם פאַרניכטער פון וואַרשעווער געטאָ בראש. אַז הויכע אַמטען אין דער אַדענאַוער־רעגירונג זיינען באַזעצט מיט נאַצים, איז אַ פאַקט. דאַרף מען זיין אַן אידיאָט צו גלויבען, אַז די דאָזיגע רעגירונג וועט אויסראָטען אַנטיסעמיטיזם. וואָס־זשע בלייבט? בלייבט נאָר דער צוזאָג, אַז מען וועט כלומר'שט עפּעס געבען. אַז דאָ האַנדעלט זיך באַלד פון אָנהייב נישט מער ווי וועגען עפּעס — זעט מען קלאָר פון דער דעקלאַראַציע אַליין. נאָר אפילו דעם „עפּעס" וועט מען נישט געבען. מען וויל נאָר אויסנאַרען עפּעס פון אידען. דאָס אַלץ.

איך ווייס: מען דולט אייך דעם קאָפּ מיט כל'ערליי קלאַנגען. מען גיט אייך צו פאַרשטיין, אַז — „מען מוז", די וועלט־לאַגע פאָדערט אַזוי.

שקר וכזב! אויב עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז מדינת־ישראל, למשל, וועט מוזען געהערען צו אַ פאַרטיידיגונגס־סיסטעם, וואָס צו איר וועלען, צווישען אַזויפיל אַנדערע פעלקער, געהערען אויך די מערב־דייטשען, האָט עס לחלוטין גאָרנישט צו טאָן מיט אַ שידוך דווקא, מיט אַ שידוך צווישען תליון און קרבן, מיט אַ שידוך צווישען דייטש און איד, מיט יענעם שידוך, וואָס געוויסע פּאָליטישענס האָבען זיך אונטערגענומען דורכצופירען אונטער דעם מאַנטעל פון רייד וועגען אַנטשעדיגונג.

מיינט נישט, אַז זיי זיינען רעאַל־פּאָליטיקער. נישט נאָר קיין אידיש האַרץ האָבען זיי נישט. זיי האָבען קיין קאָפּ אויך נישט.

די אסיפה האָט בכלל נישט געטאָרט פאָרקומען. עס איז אַ חרפה שוין דאָס עצם פירען וויכוחים וועגען דער אַדענאַוער־דעקלאַראַציע.

נאָר האָט איר זיך שוין יאָ געלאָזט אַריינגאַרען — טאָ געדענקט: לאָזט נישט, מען זאָל אייך מאַכען פאַר שותפים צום פאַרברעכען פון מכירת־מאַידאַנעק.

און וויינען זיי אויף די זעקס מיליאָן — גלויבט זיי נישט!

נעמט נישט אָן קיין שום פּשרה־רעזאָלוציעס.

איינגאַנצען, איינגאַנצען און לחלוטין זאָלט איר אָפּוואַרפען די ביטערע אַדענאַוער־דעקלאַראַציע, וואָס נעמט אַראָפּ די שולד פון דייטשען פאָלק — און וואָס קאָן אונז, אידען, בלויז דיסקרעדיטירען, מיאוס דיסקרעדיטירען אויף דורות אַרויס!

שליידערט די דעקלאַראַציע צוריק!

ווייזט דער וועלט, אַז איר ווילט נישט — צוליב אַ צווייפעלהאַפטער „האַר" — אַנט'חזיר'ן די חזירים, וואָס האָבען זיך געבאָדען אין דעם הייליגען בלוט פון אייערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער.

לשנה־טובה וואונטשן פון זשעלעכאָווער



אונז ווינטש איך און אַלע [illegible] מיינע פֿריינט:
לשנה טובה תכתבו — [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

פון הייסנבערגס איידעם אין קאַנאַדע



[illegible]

פון מאיר סיגער אין ישראל

פרוזי װירזשבע אין פוילן.



מצבה אויפגעדעקט אין וואַרשע אויפן קבר פון באַוואוסטן אידישן שריפטשטעלער י. מ. ווייסענבערג

וואַרשע, אָקטאָבער. — (דורך לופט פּאָסט) — אויף אַ פייערלעכן שטיינער האָט מען דאָ אויפגעדעקט אַ פּרעכטיגן מאָנומענט אויפן קבר פון דעם באַליבטן אידישן פאָלקס שרייבער י. מ. ווייסענבערג.

דער מאָנומענט געפינט זיך אויף אַ פּעדעסטאַל אַרומגעצוימט מיט אַ גערטנדל. אויף דער מצבה געפינט זיך אַ צייכענונג, וואָס שטעלט פאָר ווייסענבערג׳ס קנאָכיגע האַנט, וואָס האַלט אַ פּען צום שרייבן און אונטער דער צייכענונג זיינען אויסגעקריצט די פאָלגענדיגע צוויי שורות:

„ער איז געקומען פון פאָלק און געשריבן פאַרן פאָלק״.

צו דער מצבה־אויפדעקונג איז געקומען אַ גרויסער עולם, שרייבער, קולטור־טוער, אַרטיסטן, שטודירנדיגע יוגנט און אידישע און פּוילישע אַרבעטער פון די וואַרשאַווער קאָאָפּעראַטיוון. ב. מאַרק, האָט ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַן איינדרוקספולע רעדע וועגן דעם לעבן און שאַפן פון י. מ. ווייסענבערג און וועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן אַלס אידישער פאָלקס שרייבער.

צופוסנס פון ווייסענבערג׳ס קבר זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן צענדליגער בלומען־קראַנצן, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פּוילן.

ענטשולדיקונג

איך בעט ענטשולדיקונג בײ אלע אונזערע פרײנט װעלכע האָבן מיר געשריבן בריף און. איך האָב ביז הײנט נאָך נישט געענטפערט.

סאיז נישט קײן בײזער װילן, סאיז דאָס זײן פאַריאָגט בײ מײן ארבעט אין פאַבריק לענגערע שעה און דאָס מאכן די בולעטינען און ענטפערן די גאָר נױטיקע בריף.

אינגיכן נאָכן פארטיק זײן מיטן נאָװעמבער־דעצעמבער־בולעטין, װעל איך אלעמען ענטפערן.

מיט הארציקן גרוס   אײער לײביש

פרויען־גרופע אין אויסטראליען

דעם 2טן סעפטעמבער איז פאָרגעקומען די ערשטע פארזאמלונג פון די זשעלעכאָװער פרויען אין אויסטראליען, אין הויז פון מר. און מרס. ליכטענשטײן.

נאָך א אײנלײטונג פון מרס. נעכט (געװעזענע גאָרפינקל) װעלכע האָט אין א אײנהאלטסרײכן פאָרם אויפגעקלערט די נױטװענדיקײט פון שאפן

א זשעלעכאָווער פרויען גרופע איז מיט די איינשטימיקייט פון די 13 פארזאמלטע פרויען באשלאָסן געוואָרן אזיין גרופע צו שאפן און סאיז דערוויילט געוואָרן פאָלגענדער קאָמיטעט פון 6 פרויען.

מרס. פ. אָשלאק	פרעזידענט
מרס. שנאפסטיילער	קאסירער
מרס. נעכט	פאָרזיצענדער
מרס. רובינשטיין	סעקרעטאר
מרס. גדליה אָשלאק	פארוואלטונגס־מיטגליד
מרס. ליכטענשטיין	〃

באשלאָסן געוואָרן זיך צוזאמענקומען, יעדע עטליכע וואָכן, ביי אנאנדער זשעלעכאָווער אין הויז, דער קאָמיטעט וועט דארפן צוגרייטן א פראָגראם און ארבעטן אז אונזער גרופע זאָל זיך פארגרעסערן.

אויף אונזער ערשטע פארזאמלונג איז ביי א גלעזל טיי, אויף א באשיידענעם אופן, געזאמלט געוואָרן א סומע געלט, פון וועלכן פון אטייל איז גלייך געמאכט געוואָרן פעקלעך קיין ישראל פאָר אונזערע לאנדסלייט.

די צווייטע פארזאמלונג וועט פארקומען דעם 23טן סעפטעמבער אין הויז פון מרס. טיילאָר.

סעקרעטארן מרס. רובינשטיין.

בראוואָ, אונזערע פרויען אין אויסטראליען, איר וועט מיט אייער וואונדערליכע ארבעט אינספירירן די פרויען אומעטום.

זייט געזונט און גייט אָן מיט אייער ארבעט.

אייער לייביש

מתנות

דער וויכטיקסטער באשלוס (לויט מיין מיינונג) פון דער נאָרוואָס ארגאניזירטע פרויען־גרופע אין אויסטראליען איז געווען, צו שיקן אינדיווידועלע שפייז פעקלעך צו פריינט אין ישראל, זיי שטרייכן דערביי אונטער, אז דאָס זיינען נישט קיין נדבה־פעקלעך, נאָר יעדע פרוי וועט שיקן א פעקל, אלס אויסדרוק פון פריינטשאפט, פון א פריינט צו א פריינט.

פריינט מרדכי אישטוב פילט געטראָפן פון אָט דעם באשלוס און האלט, אז מיר דארפן אזיין אקציע נישט דורכפירן, ווייל די גרעסטע צאָל זשעלעכאָווער אין ישראל, נויטיקן זיך נישט אין אונזערע פעקלעך.

איז דאָס טאקע אזוי ?

איך פארשטיי פריינט מרדכי ווי אויך אנדערע פריינט, וועלכע וואָלטן געוואָלט אויסמיידן די נישט אנגענעמע מתנות, אָבער ליבער פריינט מרדכי! איר נאָך מער ווי איך ווייסט, ווי שטארק פארערגערט עס האָט זיך די שפייז לאגע אין ישראל, זעלטן ווער עס קאָן זיך דערלויבן צו קויפן עפעס אויפן שווארצן מארק, און מיר זיינען דאָך אלע פרינציפיעלע געגנער פון אָט די שרעקליכע מכה־שווארצער מארק.

ווייסט איר דאָך דעריבער, וויפל פרייד אזיין שפייז פעקל וועט פארשאפן אין די היימען פון שיקער און דערהאלטער, יאָ נישט ווייניקער פון שיקער ווי פון דערהאלטער. דאָס איז בשום אופן נישט קיין נדבה און אויך נישט קיין אקציע געפירט פון אונז, נאָר אן אויסדרוק פון פריינטשאפט.

מיר וועלן דעריבער געבן אין 2 מאָל די ליסטע מיט אדרעסן פון

זשעלעכאָווער אין ישראל און איך פריוואט, אלס זשעלעכאָווער וואָס איז
דאָרט געווען, וואָס דערהאלט בסדרדיקע בריף און בין באקאנט מיטן
שפייז מאנגל, אזוי אין די מערסטע היימען אין ישראל און ביי די זשעל.
ווענדע זיך צו אונזערע פרויען אין באָגאָטא באראנקיללא, מעדעללין,
קאָסטא־ריקא, פאנאמא ארובא בראזיל ניו יאָרק און פאריז, טוט נאָך
דעם ביישפיל פון אונזערע פרויען אין אויסטראליען.
לאָמיר ארויסווייזן אונזער פריינטשאפט אונזערע זשעלעכאָווער און
זייערע פאמיליעס אין ישראל, אז מיר געדענקן זיי.
לייביש

Mr. Ichiek Abramowicz,
Dgania B.
P.O. Kinneret, Israel

Mr. Icchak Abramowicz,
58 Arlazaroff Street,
Ramat Gan, Israel

Mr. Ben David (Oszlak),
Opposite Dgania Hospital,
Jaffa Nuzcha, Israel

Mr. Moshe (Aizenhand) Barzilai,
Ramat Hasharon, Israel,

Mr. Zvi Brustin,
87 Herzl Street,
Haiffa, Israel

Mr. Jehuda Ben Shalom,
Shikun " Shachar" 3,
Nawe Shanan, Haiffa, Israel

Pearl & Joseph Baran-Goldstein,
56/2 6th Street,
Jaffa, Israel

Mr. Aron Cidelsky,
Male Hachamisha,
P.O. Jerusalem, Israel

Sima & Moshe Celnik-Steinfeld,
Pardes Rosenblum,
Tsrif 31, Near TelAviv, Israel

Mr. Israel Engel
Bnai Brak,
Shchunat Hapoalim, Israel

Hanna Ezrachi (Oszlak)
131 Rothschild Blvd.,
Tel-Aviv, Israel

Mr. Menachim Raingezicht,
Even Sapir Street,
Petach Tikva, Israel

Mr. Jakov, Felhendler,
Income Tax Office,
Tel Aviv, Israel

Mr. Ephraim Friedman,
29 Dgania Street,
Tivon near Haiffa,Israel

Mr. Icchak Freid,
Shikun Ironi 17/4,
Ramat Gan B., Israel

Mr. Isachar Gedanken,
25 Shlomo Hamelech Street,
Tel Aviv, Israel

Arieh & Sima Gedanken,
79 Shlomo Hamelech Street,
Tel Aviv, Israel

Mr. Itzchak Glikser,
Hadar Joseph,
Near Tel Aviv, Israel

Mr. Dov Goldman,
Mishmar-Hasharon,
Near Tel Aviv, Israel

Mr. Isachar Goldman,
26 King George Street,
Tel Aviv, Israel

אונזער הארציקן פאָר געזונט און גוטן זיך אײנאָרדנען מיט דער פאמיליע, װאונטשן מיר אונזער פרײנט לאנדסמאן מיטארבעטער פון בולעטין און טאלאנטפולן שלמה ברײנסקי, צו זײן אָפּפאר פון באָגאָטא קײן ישראל דעם 17טן נאָװעמבער.

אונזערע באגײסטערטע באגריסונגען אונזערע פרויען אין אויסט. צום אָרגאניזירן די פרויען גרופע גײט אָן מיט אײער הײליקע ארבעט װעלכע ברײנגט כבוד דעם אָנדענקן פון זשעלעכאָװ.

אונזער צופרידנהײט מיטן דערװײלן פון אונזער זשעלעכאָװער, פרײנט שלום זוסמאן אלס א מיטגליד אין דער כנסת אין ישראל, מיר האָפן, אז איר װעט מיט אײער אָנגעשטרענגטע ארבעט ברײנגען נוצן פארן לאנד און כבוד פאר די זשעלעכאָװער, זײט געגריסט.

פאר די זשעלעכאָװער איבער דער װעלט
סעקרעטאר ל. װײס

מײן הארציקן זײ געזונט

אונזערע אלע לאנדסלײט איבער דער װעלט, מײנע פרײנט פון אומעטום צו מײן אָפּפאָרן זיך באזעצן אין ישראל איך האָף אונטער באפרידיקטע ישראל באדינגונגען, זיך װידמען. אונזער אלגעמײנע זאך.

זײט געזונט   אײער שלמה ברײנסקי

לידידינו שלום זיסמן
ברכות לבביות להבחרך
כחבר הכנסת השניה
כה לחי
שרה ומרדכי שפיזמן

מײן ליבער שלמה

מײנע הארציקסטע װאונטשן צו דײן אָפּפאָרן קײן ישראל, זאָלן אלע דײנע װאונטשן דערפילט װערן און זאָלסט װאָס פריער קאָנען אריבערנעמען דײן פאמיליע און לעבן גליקליך.

דײן לײביש

אונזערע הארציקע דאנק־אויסדרוקן

אונזערע אלע פרײנט, װעלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט מײן געזונט װערן און ספעציעל ראָטערמאן און כאבערמאן פון באראנקיללא און לײביש אין שיקאגאָ, אלס אויסדרוק פון דאנקבארקײט, גיבן מיר 5 דאָלאר פארן בולעטין.   גיטל, ברוך און פאמיליע דרעזנער   באָגאָטא

טעות אויסבעסערונג

דערמיט װיל איך אויסבעסערן דאָס דורכגעלאָזענע אין מײן באריכט אין לעצטן בולעטין, װעגן פאָגראָם אין סיסערא, אז נישט בלויז האָט דאָס שטעטל נאָרװאָק צוגעשיקט מתנות פאר דער פאמיליע קלארק, נאָר האָט זי אײנגעלאדן צו קומען װאוינען אין יענעם שטעטל.

צוליבן מאנגל אין פלאץ װעלן אלע בריף, באגריסונגען א.א. ארײן אין קומענדן בולעטין.

אינהאלט.

אונזער טרויער לײט ארטיקל 1
חיה עלבוים־דורמבוס / דער לעצטער גרוס 3
ל. פערל / אקציע איבער פרעמדע אין אָקשע 7
יעקב ראָזעמבאנד / אלײן באשטײן ססטעטל 9
מ.ב. שטײן / מײן הײם 10
י. פעלהענדלער / אויסצוג פון אן ארטיקל 16
נײמאן / איבערגעדרוקט פון הײנט 18
הלל צײטלין /איבערגעדרוקט פון מאָמענט 20
ש. יחסן / 23
א.װ. יאסני / איבערגעדרוקט פון נײװעלט 25
יזכור אָװנטן 29
איבערגעדרוקט פון טאָג, א בלוטיקע דיסק. 31
לײביש / מתנות 35
באגריסונגען 37

9 יאָר יידישער אומקום אין זשעלעכאָװ 1942-1951



MORRIS "X" WEISS
3849 GRENSHAW STREET
GARFIELD PK. STA.,
CHICAGO 24, ILLINOIS

RETURN POSTAGE GUARANTEED

לגב' פרל זלברברג- ויסנברג
אזור
רחוב יז מס. 15